STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06386

GEZANG FUN MENTSH

Yizhak Berliner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַנג פון מענטש

יצחק בערלינער

געזאַנג פון מענטש

מעקסיקע — ניו־יאָרק 1954

I. BERLINER

GESANG FUN MENTSCH

SONG OF MAN

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פרעס, אינק.,
228 איסט 45 סט., ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאָנדאָן

שער בלאט און
צייכענונגען צו יעדן אַפּטייל
י. פיין

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK CITY
I. LONDON, *President*

428

נחמהלען

א י נ ה אַ ל ט

זייט

ארײַנפיר פון מחבר 8

אויף יידיש

מיין נר תמיד 13
יצחק לייבוש פרץ איז ארויף אויפן אלטן מארק 14
קידוש לבנה 21
אויף יידיש־לשון 23

אין תפילה

זיי מיר מוחל 31
עס זינגט דאָס הארץ 32
אויף א טרוקענעם פעלד אויף א לערן 33
מיט דעם אוצר פון פריען באַגין 34
אזוי האָסטו באשאפן די וועלט 36

זייט

ביי די שויבן פון שפּיטאָל

געלויבט איז גאָט 41
פּאַרדאָן 42
שרעק 45
סערענאַדע 46
נעם מיך מיט 47
אומעט 48
אָוונט אין שפּיטאָל 49
דער לעצטער בריוו 50
אויסגעגאַנגענע שטערן 51
ביי די שויבן פון שפּיטאָל 52
א מידע שעה 54
כ'האָב א גאַנצע נאַכט געחלומט פון לוויות 55

אין בלענד פון לעבן

דאָס גלחל 59

זייט

פארבלענדונג 62
סקאַצל קומט 63
איך גיי נאָך ניט שטאַרבן 65
שלאָפגעטראנק 70
וואָס גלאָצסטו, שוועסטערל ? 71
זאָל זיין צו געזונט 72
עס רעדט צו מיר
מיין חלומס קול 73

קראַנקע

די קראנקע נעגערטע 77
די אלטע פרוי 78
עס באַמבלט זיך א קאָפּ 80
א שלאָפלאָזע נאכט 81
מיין שכן 83
אינעם הויז פון די קאַליקעס 88
ס׳האָט גורל טועה זיך געווען 91

אין טעג פון גלויבן

צום מענטש 95
מיט זייד דיינע גלידער 97
איך קען דיך שוין פון לאנג 98
אזוי האָסטו געזאָגט 100
גאָטס האנט 102
איך און דער ים 103

חלומלאַנד

און עס ווערט די ערד
פארפולט מיט גרויס עשירות 109

זייט

מיין גאָרטן איז א חלומלאנד 110
אין וואלד 115
אזויפיל גליק אויף דיין באלקאָן 122
אַוונט־רייטער 119
אזוי פיל גליק אויף דיין באלקאָן 122
ציטערן די שטערן 124
ווייסע טויבן 127

פון נעכטן און פון אייביק

א פרוי פון נעכטן 131
דו און דאָס גיפסנמענטשעלע 132

צווישן פלאַם און חושך

א טרויער־פאַרזאמלונג
אויפן פרייען פעלד 139
טאָג קומט־אָן 141
די בלינדע אין טראמוויי 142
בין השמשות 145
ווי דיאָגענעס מיט א לאמטערל 146
אז עס בליט שוין דער גאָרטן 147
געגנבעטע מינוטן 149
א שאָטן פון דיר 150
ס׳איז באנג 151
לעבן, ברויז ! 152
איך זע 155
זוניקער גארדין 156
היטער פונעם שייער 157

אריינפיר

וואָס איז ליד ביים דיכטער?
— תפילה!
וואָס איז תפילה ביים מענטש?
ניגון, געזאַנג.
— תפילה
— — געזאַנג פון מענטש

פאַראַן מאָמענטן אין לעבן ווען אויך ווייטיק פאַרוואַנדלט זיך אין געזאַנג. אַזאַ מין געזאַנג קוואַלט אָפּט פון די טיפעניש פון מענטש, פונקט ווי עס רייסט זיך אַרויס אַ נישט דערזאָגטע תפילה.

דאָס ליד זינגט זיך קיינמאָל ניט אַרויס
אינגאַנצן.
און —
דאָס ליד זינגט זיך קיינמאָל ניט אויס
אינגאַנצן.

אָבער אין דעם טייל אַנטפּלעקטן ניגון הערן זיך אויך די נאָטן פון דער נישט דערזאָגטער תפילה. אויך אין דעם קול נגינה פון דעם זינגער קאָן מען אָפטמאָל דערהערן דעם צער פון דער וועלט. אפילו אַ טרער איז אַן אָפּגעריסענער קלאַנג פון אַן אינעווייניקסטן ניגון, — אפשר דאָס טיפסטע ג ע ז אַ נ ג פ ו ן מ ע נ ט ש.

זאָל דאָס ג ע ז אַ נ ג פ ו ן מ ע נ ט ש דערגרייכן די אויערן און נשמות פון די אַלע, וועמען דאָס לעבן האָט באַשאָנקען מיט וואכע עמאָציעס און זיי האָבן דערהערט אין זיך דאָס צוזאַמענדיקע סימפאָניע־ליד פון חדווה און טרויער, פון ווייטיק — ניט בלויז גרפיקער — און געזאַנג.

אין איין שיר־וואָרט קען מען אַמאָל דערשפּירן דעם וויברירנדיקן אָטעם פון דער וועלטס אייביקן ניגון — —

אין אַ פולער סימפאָניע קען מען אמאָל דערפילן אַן איינאונאיינציקן טאָן פון דער אייגענער נשמה — —
און דאָס איז גענוג! —

ווייל —

דאָס ליד זינגט זיך קיינמאָל ניט אַ ר ו י ס
אינגאַנצן.
און —
דאָס ליד זינגט זיך קיינמאָל ניט א ו י ס
אינגאַנצן.

זוך און נישטער, מענטש, אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דעם דיכטערס ליד און פון דיין אייגענער נשמה און — דו וועסט געפינען און דערשפירן אין זיך די טענער פון געזאַנג און תפילה.

נחמהלען — מיין פרוי און לעבנסחברטע — מיינע בעסטע געפילן פאַר דערמוטיקן מיך צוצוגרייטן דאָס דאָזיקע בוך לידער און פּאָעמעס.

אין דער צייט פון מיין שווערער קראַנקייט, מיט איבער זיבן יאָר צוריק, איז נחמהלע כסדר געווען לעבן מיין שפּיטאָל־בעט און זי האָט גרינגער געמאַכט מיינע שעה'ען פון יסורים.

מיין פריינט ישראל לאָנדאָן דאַנק איך האַרציק — פאַר זיין באַמיאונג, אַז דאָס דאָזיקע בוך זאָל פון זיין דרוקעריי אַרויסקומען אויפן בעסטן אופן — פאַרן שיינעם זאַץ און פאַרן אָפּהיטן בכלל די עסטעטישע זייט פונעם בוך.

יצחק בערלינער

מעקסיקע, אַפּריל 1954



מיין נר תמיד

כ'פֿאַרבעט דעם אלף־בית צום טיש געראַמען.
אויף ליפּ פון יעדן אות אַ גוטע בשורה גליט,
ווי אויף די ליפּן פון די אורחים ביי אברהמען —
דעם ערשטן ייד.

און זילבנווייז מיין שטיל געזאַנג געבויר איך,
אַ ליבן גאַסט — דעם אלף־בית — נעמט־אויף מיין ליד.
עס הילט מיך דאָס געצעלט פון ערשטן מכנים אורח —
אברהם אבינו — דער ערשטער ייד.

די אורחים ביי אברהמען זיי פאַרשווינדן,
נאָר זייער פליגל־פלאַטער כ'שפּיר אין מיין געמיט...
דאָס וואָרט, ווי אַ נר תמיד, וועט זיך צינדן
אין מיין יידיש ליד.

יצחק לייבוש פרץ
איז ארויף אויפן אלטן מארק

איז פּרץ אַליין איצט אַרויף
ביינאַכט אויף דעם מאַרק אויף דעם אַלטן, —
געמיינט, נתן שיכור נאָך זויפט
אין ווינקל פון טויער באַהאַלטן.
נאָר ס׳פּוסטעוועט גרוויליק דער הויף
און ווינטיקט מיט אָטעם מיט קאַלטן.

קיין יידענעסריידן נישט מער
אַראָפּ, צו די קרעמער, פון גאַנעק.
פון יידישע שויבן די לער,
זי שרעקט און זי פינצטערט מיט פּאַניק — —
עס פייפט זיך אַ לידעלע ווער, —
ווער איז עס? ווער גייט עס? — ס׳איז יאַנעק.

יצחק בערלינער
גּעזאַנג פון מענטש

15

ס׳איז יאַנעק, — אַ הונט, ביי דער זייט,
וואָס שניפּט און זוכט ווערימלעך, גרילן.
וואַרפט יאַנעק זיין גזשיבע פאַרשייט,
שפּאַנט גיבער דורך מאַרק דורך דעם שטילן...
עס גאַפּעט דער הונט, — שוין אַ צייט
ווי ער האָט נישט אויף ווענען צו בילן...

דער הימל — אַ ברייטער און פול —
ער הענגט איבער מאַרק, וו׳אַ גאַרילע,
וואָס קוקט דורך לבנה-שפּאַקול
אויף מאַרק — אויף געשטאָרבענער ווילע — —
צעבּרענט און צעהאַקט שטייט די שול,
ס׳געפינט זיך קיין מת דאָרט אפילו — —

ס׳איז האַלבנאַכט, — די קברים פאַרמאַכט.
מצבות — צעשטיקלטע שטיינער — —
די מתים אין אָט אַזאַ נאַכט
זיך שרעקן צו ווייזן דיביינער — —
ווער קלאָגט עס? ווער שרייט עס? ווער לאַכט? —
ס׳איז קיינער! ס׳איז קיינער! ס׳איז קיינער! — — — —

די דעכער צעבראָכן, צעקרומט,
אויף ליידיקע יידישע הייזער.
דער מאַגיסטראַט-זייגער נאָך שטומט
און ס׳גליווערט זיין איינציקער ווייזער.
עס דאַכט זיך, אַז עמיצער קומט, —
ס׳איז יאָנעק — דער איינציקער שפּרייזער — —

פון דעכער ביז ברוק, טראָטואַר,
די שאָטנס זיך אימהדיק הילן...
אַן אומהיימלעך פיינלעכער צער
עס שטייגט פון דעם חושך דעם שטילן.
די פענצטער, אין פינצטערן שטאַר,
ווי גרויסע שוואַרצגלאָזיקע ברילן — — —

אַ שווייגעניש, קיינער ניט רעדט,
קיין שילד און קיין לעמפּל, קיין פלעמל — — —
געקומען די נאַכטישע שפּעט,
צעלייגט אויפן מאַרק זיך און דרעמלט.
שטייט פּרץ פאַרגאַפט און ער זעט, —
דער חושך נאָך טיפער ווי דעמלט — — —

18

י צ ח ק ב ע ר ל י נ ע ר
געזאַנג פון מענטש

אין שטילקייט טוט פּרצעס בליק
די ווייטקייט אין זיך אַריינשעפּן, —
פון הימל ביז ערד, הין און קריק,
געקוילעטע קינדער אויף טרעפּן — —
געהאנגענע, — טויזנטער שטריק
נאָך טויזנטער העלדזער זיך שלעפּן — — —

די מתים ניט מער אין קיין ראָד
מיט שפּיל, מיט געזאַנג אַזוי האַסטיק — —
קיין קראָם דאָ, קיין קלויז און קיין באָד —
די שטעטלשע יידישע פּלאַסטיק — —
אין נישעס — קיין שטיין און קיין גאָט —
אַ קרומער און דראָענדער סוואַסטיק.

יצחק בערלינער

גערזאַנג פון מענטש

די שוואַרצקייט פון מאַרק זיך צעטראָגט,
דער בלעכענער האָן וויל ניט קרייען — — —
דער בדחן אוּן פרוש — אין ראָג —
צוויי גליאיקע פלעמלעך, זיך דרייען. . .
דורך שפּאַלטן פון פאַרן פאַרטאָג, —
מיליאָניקע פלעמל־אַרמייען — —

פון אומעטום קומען זיי איצט
אויף נאַכטיק אַלטמאַרקישער בינע.
דער חושך ווערט שפּיזיק פאַרשפּיצט
מיט פייערלעך שאַרפע און דינע — —
פון פרצעם בליק רייסט אַ בליץ — —
אַ פייער־פלאג — זיין פּלערינע — — —

יצחק בערלינער

געזאַנג פון מענטש

איז רויכיקער פלאַמיקער ים
געשטיגן צו הימלישע הויכן — —
קיין גרעניץ, קיין אַפּהאַלט, קיין צאַם
אין פאַלקישן פייער צו טויכן — —
האָט פרץ — אַ לויכטנדער פלאַם —
געפלאַטערט און דער מיט פון די רויכן — — — —

קידוש לבנה

דער הימל אַ פולער מיט שטערן, באַלאָדן,
ווי גאָלדענע קנעפּ אויף אַ שוואַרצער קימאָנע.
עס קוקט איצט אַראָפּ צו דעם ליידיקן באָדן
אַן עלנטע גרויסע לבנה.

די גרויסע לבנה באַטראַכט אַלץ מיט חידוש, —
די שטילקייט זי זינגט אַ געזאַנג אַ כאָראַלן, —
וואו זיינען די יידן מיט יידישקייט, יידיש ? —
ס׳איז איינזאַם די וועלט. וואו דער ייד, וואו דער בעלן,
צו זיין די לבנה מחדש ?

ניט קידוש לבנה ! —
עס זאָגט איצטער קדיש,
מיט טרויער אין ניגון, מיט ווערטער מיט דינע,
דיין אייניקל־אבל — דיין זון אומבאַשיצטער, —
אָ, יעקב אבינו — —

22

יצחק בערלינער
געזאַנג פון מענטש

געריייניקט, געליימערט דורך פייער און בראַנדן,
זיינען מיר איצטער, —
די קוימענרויך-פונקען — אין הימל די שטערן,
און אונטן אויף ערד — די צעווינטיקטע זאַמדן.

לבנה! — דו האָסט ניט געוואָלט אונדז דערהערן...
מיין פאָלק האָט דער שונא אויף שטויבן צעריבן.
אויף כדור הארץ צעבאַרגטן, צעטאָלטן,
נאָר שאָטנס געבליבן.

דער סימן טוב האָט נישט געגאָלטן —
ליידיק די שטעט און ליידיק די וועגן.
ווער שפּרינגט איצט דריי מאָל דער לבנה אנטקעגן? — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

די שאָטנס זיי וויגן זיך ווי אין אַ חלום —
שלום עליכם! —
עליכם שלום! — —

אויף יידיש־לשון

פאַר מיין אייניקל,
פייגעלע מרים,
אַ מתנה

הייבט־זי־אויף איר קעפּל דאָס שאַטינע
און קוקט־מיך־אָן
מיט ליכטיקע צוויי בלויע פּערעלעך.
צעפּאַלן אירע הערעלעך
אין לעקעלעך אין איידעלע,
ס׳באַוועגן זיך די ליפּעלעך די דינע:
— אַ מעשהלע דערצייל מיר, זיידעלע — — —

דערצייל איך איר
פון לייבן,
פון וועלפּעלעך,
פון בערעלעך,
גיט זי מיט קיין אויג קיין פינטל — — —
אָבער —
מורא האָט זי פאַר אַ ריכטיק בילנדיקן הינטל,

מער ווי פּאַר די וועלף און בערן — —
צעוויינט זי זיך אויף יידיש — —
זי וויינט
מיט יידיש-לשונדיקע קינדער-טרערן — — —

וואָס דער זיידע זאָגט אויף יידיש,
וויל זי הערן.
זי קוקט אויף מיר, מיט קלוגשאַפט-שמייכל
פון עלטער-עלטער-באָבעס,
אַזוי יידישלעך און חנ׳יק.
ווייזט זי מיט אַ פינגער אויף איר שטערן:
— וואָס איז דאָס, זיידע?
— דיין קעפּל!
— און אינעווייניק?
— וואַקסט און כּאַוועט זיך דער שכל...
— שכל? — —

ווערט פול איר פּנימל מיט שמייכל,
טו איך איר די האָר פון קעפּעלע צעפּלאָשן.
זי שמייכלט אַלץ און שמייכלט — —
— — — — — — — — — — — —
זי שמייכלט איצט מיין אייניקל אויף יידיש-לשון — — —

— פאַרוואָס ביסטו אַ גרויסער, זיידעלע, און איך — אַ קליינע?
זאָג איך איר, אַז נאָר אַצינדער,
אַז שפּעטער וועט זי ווערן אויך אַ גרויסע — —
אַז די באָבע און דער זיידע —
ביידע —
זענען אויך געוועזן קליינע קינדער,
פּונקט ווי ס׳ביימל איז אַמאָל געווען אַ קערנדל — —

קנייטשט זי ס׳שטערנדל
מיין אייניקל —

דאָס עלטער־באָבעלע פון מאָרגן —
און פול ווערט יעדעס קנייטשעלע מיט קינדערישע זאָרגן,
ווי פול מיט ווײַן עס איז דער בעכער פאַרן קידוש — — —
זי קוקט מיט פרעגנדיקע אויגן
און שווייגט — —
זי שווייגט אויף יידיש — — — —

שפּעטער
זיצט זי ביי אַ לערנביכל, מישט די בלעטער, —
בלעטערט,
בלעטערט,
דערזעט זי באַלד
אַ פעלד,

אַ וואַלד,
אַן אייזל, אויף אַ בערגל קלעטערט,
און אַזויפיל חיות,
עופות,
פייגעלעך
און יידישע פירעקעכדיקע אותיות.

ווייטער אַביסל, —
אַ קויבערל,
אַ פענדעלע,
אַ שיסל,
אַ פּאַסטעכל וואָס דודלט אויף אַ דודעלע
און איבער אים —
אַ בלויער הימל, וואו אַ זון טוט ברענען.

קוקט און קוקט מיין אייניקל, —
פֿאַרציט זי מיט אַ ברעם:
— זע ווי גרויס, אַ זיידעניו, עס זענען
דער „ס" מיט דער „מ",
און זע די נאָז, ביים העלפֿאַנט, אוי ווי גרויס זי איז — — —
און ווי קליין דאָס יודעלע —
דער קלענסטער פֿון די אותיות — — —

פֿאַרטראַכטן זיך ביי איר די בלויע אייגעלעך,
ס'באַוועגן זיך די ליפּעלעך די דינע — — —
פֿאַרטיפֿט זיך שווייגנדיק אין אלף־בית פֿון ביכל,
ווי ס'וואָלט געזעסן ביי דער תחינה
מיין עלטער־עלטער־באָבע מיטן שטערנטיכל — — —

אין תפילה

זיי מיר מוחל

גאָט, זיי מיר מוחל מיין ליד
אויף ווייסן פּאַפּיר און אויף טאָוול,
און ווי קען דען זינגען אַ ייד —
אָן אייביקער עלנטער אבל?

גאָט, זיי מיר מוחל ס׳געזאַנג,
וואָס רייסט זיך פון האַרצן אין שטראָמען — —
אין פעלד זינגט דאָך אויכעט די זאַנג
אַ לויב צו דיין געטלעכן נאָמען...

עס זינגט דאָס האַרץ

עס זינגט אין מיר דאָס האַרץ, ווי ס׳זינגט און זשומט די בין
אויף קנאָספּ פון וואַלדבלום בלויער,
עס זינגט אין מיר דאָס האַרץ פאַר פרייד צעברעקלטער און
איבערפולטן טרויער — — —

די קריכבלום זינגט צום הימל מיט דער בליט צעעפנטער —
אַ מויל אין תפילה — — —
אַזוי זינג איך מיר אין מיין האַרץ פאַר וויי און וואוילטיק אין
מינוטן שטילע.

מיין הימל בלויט און וואַלקנט זיך און מיינע אויסגעטרוימטע
פעלדער גרינען — — —
עס זינגט מיין האַרץ און כ׳טו זיך אין מיין שטומער באַנגער
בענקעניש פאַרכלינען — — —

אויף א טרוקענעם פעלד
אויף א לערן

אויף אַ טרוקענעם פעלד אויף אַ לערן
כ׳וואַרף אַראָפּ פון זיך פענטע פון מאַניערן,
די האָר קעגן ווינט איך צעפלאָש.
אויף מיין הייסן און פלאַמיקן שטערן
כ׳לאָז גליען מיין פיין — דעם של ראש — — —

איך בין דאָ און בין גרייט צו עבודת
הבורא, מיין קול ווי אויף הוידעס
צעוויגט זיך, מיין תפילה — אַ קוואַל.
איך באַנעם ניט דער וועלטס אַלע סודות,
און כורעים, מיין גאָט, פאַר דיר כ׳פאַל — —

אפשר וועסטו מיין תפילה דערהערן
דאָ אויף טרוקענעם פעלד אויף דעם לערן? — —

מיט דעם אוצר פון פריען באַגין

אַ פּאַס ליכט, אויסגעצויגן און לאַנג
ביי דעם ראַנד האָריזאָנט, ווי אַ שווערד,
אויפגעשאַרפט האָט דעם חושך־פאַרהאַנג.
אויף דער בלוילעכער סצענע פון ערד
כ'בין געלעגן, געברומט אַ געזאַנג.

יעדעם טראָפּנדל טוי — אַ בריליאַנט — —
ווי שמאַראַגדן, די גרעזעלעך גרין,
און זיי פינקלען ביי מיר אויף דער האַנט — —
מיט דעם אוצר פון פריען באַגין
איך פאַרגין זיך צו שפּילן אין זאַמד — — —

אויפן שליאַך פונעם טאָג קומט אַרויס
פולע זון, אַזוי ליכטיק און קלאָר, —
זי פאַרטוליעט איר קאָפּ אויף מיין שויס
און איך צערטל און גלעט אירע האָר — — —
יעדער שטראַל איז אַ גאָלדענער קרויז.

איך שטרעק־אויס מיינע הענט אין געבעט, —
זאָל זיך חלום באַהעפטן מיט וואָר! —
נאָר די בינע ברעכט־איין, ווי אַ ברעט,
ס'לאָזט די נאַכט זיך אַראָפּ, ווי אַ שטאָר,
און ס'פאַרציט זיך דער שוואַרצער ראָלעט — — —

אזוי האָסטו באשאפן די וועלט

אַזוי האָסטו באַשאַפן, גאָט, די וועלט —

האָסט איר פאַרשאָלטן און פאַרבענטשט, פאַרקללהט און פאַרברכהט,
די ערד איז פול מיט פּראַכט און שיינקייט און — פאַרשמוצט,
פאַרסאַרגעט.
אָט ווילדעוועט דער שטורעמווינט און אָט — אַ לופטל פאָכעט.
ווען ס׳ווערט די שוואַרצע נאַכט געבאָרן, ליגט דער טאָג
דערהרגעט — —

דער מענטש הייבט־אָן צו שטאַרבן, נאָך ביים ראַנד פון זיין געבאָרן,
פאַרגייענדיקע שעהען זיינען מפיל נייע רגעס — —
ווי ווייניק גייער פריידיקן אויף וועג פון לאַנגע יאָרן — —
אַזויפיל בלאַנדזשער בלאָנקען, ווייסן גאָרנישט וואו דער
וועג איז — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָסטו באַשאַפן, גאָט, די וועלט —

אַז נעבן גאָרטנס בליענדיקע, נאָך דער באָדן רוי איז,
און נאָנט פון מדברדיקע שטילקייט — שטאָט-געגרילץ
און טרערן — —
פאַרפלעקט מיט בלוט ווערט גראָז און פלאַנץ, און זע, —
דער הימל בלוי איז...
באַמיסטיקט מען די פעלדער, אַז די שפע זאָל זיך מערן.

עס קען אַ מענטש די אייביקייט אין איין מינוט געפינען.
ער זאָל זיין לעבן לאַנג, אפילו, ראַנגלען זיך אין מאַטער.
פון גרויע פעדים שטויב האָט ליב די שפין איר שטוב צו שפינען,
דער פויגל האָט הנאה פון דער זון, געזאַנג און פלאַטער — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
אַזוי האָסטו באַשאַפן, גאָט, די וועלט — —

בײ די
שטובן
פֿון שפּיטאָל

געלויבט איז גאָט

געלויבט איז גאָט פאַר ווייסן שניי אויף פענצטער־ראַנדן.
דער טאָג — אַ יתום־שיף — ער האָט נישט וואו צו לאַנדן — — —
מיין זיין זיך וואַקלט אויף דער שיף אין בלאָנדזשענישן
אויף שטורעמדיקע כוואַליעס — מיינע וואונדן־בראַנדן — —
אַרום מיר — טויט־ און לעבן־ברעגעס, איך — צעווישן.

דער שניי — אַ ווייסער פלאַג — ער פלאַטערט ווי מיין גלויבן.
אַריבער גסיסה־תהום מיין לעבן כ׳טו דערהויבן...
ס׳איז גוט, ס׳איז גוט צו פילן ווי עס שניידט דער ווייטאָק
און גלאָצן, גלאָצן סתם אַזוי, דורך פייכטע שויבן
און כלינען זיך מיט קאַלטער ווייסקייט פונעם שנייטאָג.

כ׳בין דאָ! — ס׳האָט גאָט מיך אויסגעפורעמט אין זיין פורעם — — —
ער קען מיך הייבן און מיך שליידערן פון טורעם,
מיך אייביקן, מיך טאָן אויף אייביק אַ פאַרשלעפער — — —
געלויבט איז גאָט וואָס כ׳קען דערשפירן די יסורים,
און אויך פאַר רגעס רו, געלויבט איז דער באַשעפער — — —

פאַרדאָן

די ברידער מיינע —
אַרומגעדראָטעוועט, באַדראָט
אין טויטנשטאָט,
אין שטאַרבנלאַנד,
פאַרצאַמט
צעווישן געטאָ־ווענט —
שווייגן האָבן זיי געקענט
מיט ציין פאַרקריצטע,
אין זיך פאַרמאַכטע.

די ברידער מיינע —
רייך מיט פיין און גרויל —
קרח׳דיק געפראָפּט...
נאַר נאַקעט, הויל — —
און דאָך
האָט ערד פאַר זיי צעעפנט ס׳מויל

און איבער זייער קאָפּ
דער הימל האָט געברענט — —

אָבער שווייגן האָבן זיי געקענט
מיט ציין פאַרקריצטע,
אין זיך פאַרמאַכטע — —

און אויסגעגאַנגען זענען זיי, די ברידער מיינע,
אינעם שווערסטן מאַטער.
וואָס גייט מיך אָן דען איצטער
דער פּיין מיין אייגענער פּריוואַטער? — —

פאַרהאַלט איך מיין געשריי,
איך קריץ אים איין אין זיך אַליין
ווי אין הארטן שטיין
אַ היראָגליף.

איך שטיי ביים באָרטן
פון וואַנען עס קען אָפּגיין איצט מיין לעצטע שיף — —

קעגן זיי —
די אומגעקומענע פון דאָרטן —
שעם איך זיך.

אויב טוען וועל איך נאָר א זיפץ אַן איינציקן פון וויי,
און ניט פאַרטראָגן וועל איך דעם יסורים־עול,
זיי מיר מוחל, גאָט! —
און איר —
די וועגט גערולדיקע פון מיין שפיטאָל —
פאַרדאָן!

וואָס בין איך קעגן זעקס מיליאָן?

שרעק

דער הימל — אַ פלאַכטע פאַראַכטענע —
מיט כמאַריקע לאַטעס מיט שיטערע — —
דער טאָג איז צעשאָטן אין שפּליטערן,
די ליכטיקייט ליגט אַ געשאָכטענע,
די שטערן זיי ציטערן, ציטערן...

די נאַכט, — איז אַריבער איצט איבערן
דאַך פון מיין שטוב — מיין פאַרהיטערין, —
אַ שוואַרצע פאַרשלייערטע ריטערין — —
די שעה'ען זיי שטאַרן און גליווערן,
די שטערן זיי ציטערן, ציטערן...

מיין גורל, דאָס פנים פאַרקרימענדיק,
ער קוקט מיט אַ שמייכל אַ ביטערן — —
עס שלעפּן מיך בייזע געוויטערן
און איך וויל זיך ראַטעווען שווימענדיק — —
און די שטערן זיין ציטערן, ציטערן...

סערענאַדע

דו ווייסער ווינט פון ווינטערדיקן דרויסן,
אויף שויבן פּויק מיר אויס אַן אַלטן ניגון!
די שעהען האַלטן מיך אויף ווייכע שויסן
און ווילן מיך אין טיפן שלאָף פאַרוויגן — —

איך הער דיין פּייקלען, ווינט, איך הער דיין פּייקלען,
ווי גיכער טיק פון הויכע בלוטדרוק-פּולסן.
די שנייעלעך, ווי מתים׳לעך, זיך קייקלען,
דער טאָג זיך עקט אין פּיינלעכע קאָנוואולסן.

פאַר מיינע אויגן — אָוונט-רויטע רינגען — —
אַז איך בין מיד, נו זעסטו דאָך, אוודאי —
דו ווייסער ווינט, אויב כ׳וועל שוין מער נישט זינגען,
דאַן זינג מיר דו די לעצטע סערענאַדע — — —

נעם מיך מיט

נעם מיך מיט,
ווינט — —
צי האָסטו דען דערהערט מיין רוף? —
עס שרייט צו דיר אַ קינד,
וואָס לויפט מיט דיין געיעג.

יסורים־טעג
האָבן זיך צעלייגט
אויף מיין זעל און אויף מיין גוף.
אַט באַלד,
אַט באַלד
און ס׳טוט זיך אָפּ די ערד — — —
— — — — — — — — — — —

ווינט —
צי האָסטו מיך דערהערט? —
נעם מיך מיט — — —

אומעט

ס׳איז טאָגפאַרגאַנג, — אויף הימל — רויטע שווערדן בלאַנקע,
אויף פענצטער־ראַם צעצויטלט זיך דער כמורנער בליק.
עס קלעפּט אויף שויב פון שטאַרבנדיקער זון אַ שטיק —
אַ רויטער פלעק אַ רונדיקער ווי פון אַ באַנקע.

דער אומעט וויגט זיך אויף אַן אומזיכטבאַרער שטריק — — —
ס׳איז דער שפּיטאָל — צעווישן לעבן־טויט — די בריק,
אויף וועלכער ס׳גייען יעדן טאָג די גוסס־קראַנקע.

עס רוישט דער ווינט — אַ זאַווערוביקע הוליאַנקע —
ווי ר׳וואָלט זיך אָנגעזשליאָקעט מיטן ווייַן פון גליק — — —
אַ דייטשמערישער חולה, רחמנות־פּנימדיק,
זיך נייגט צו יעדן שמייכלענדיק און שעפּטשעט: „דאַנקע”...

די פינצטערניש אויף שויבן זי ווערט טיף און דיק;
די קראַנקע, ווי די קינדער, ווערן שלעפעריק
און ס׳שלעפט זיי איין די נאַכט — די גוטע שוואַרצע ניאַנקע — — —

אָוונט אין שפּיטאָל

העלע ליכט־רענדלעך לעשן זיך — טאָג איז אַ יורד,
מיט אומעט דער מערב זיך צינדט.
זיבן־שטראַליק האָט ס׳לעבן אין מיר זיך גע׳מנורה׳ט,
איצט פלאַטערן ליכטלעך אין ווינט — —

ביי דער שויב שטייט דער הימל פאַרשעמט און ער שנאָרעט,
ער טראָגט אַ צעריסענעם פראַק — —
אין שפּיטאָל, אין אַ ווינקל, דער אָוונט פאַרנאָרעט
זיך קאָרטשעט, זיך ציט, ווי אַ ראַק — —

מיין געשריי אויף אומצאָליקע ברעקלעך צעשאָטן
און כ׳הער נישט מיין אייגענעם קול — —
פון דער טיר קריכט אַ ליכטשטראַל און מיניעט, מיין שאָטן
זיך קנוילט אויף די ווענט פון שפּיטאָל — — —

דער לעצטער בריוו

דער טאָג — אַן אונטערגייענדיקע שיף.
אַ קראַנקער שרייבט אַהיים זיין לעצטן בריוו — —
און נאָכדעם
רו,
דריקנדיקע רו — —

איך מאַך די אויגן צו,
און אַלץ ווערט אַזוי בולט, נאָנט.
איך זע, —
דער טאָג זיך טוקט אין לעצטן פלאַם,
אַרום דעם האָריזאָנט —
אַ שוואַרצע ראַם — —

טראָפּנווייז די מידקייט טריפט — —
פאַרשמאַכטע רגעס פאַלן לייכט און זאַכט...
שאַ — —
נישט נאַכט,
נישט טאָג — — —
— — — — — —

דער קראַנקער שרייבט נאָך אַלץ זיין לעצטן בריוו —
זיין נעקראָלאָג — — —

אויסגעגאַנגענע שטערן

ווי שטיל, ווי מיד, קיין שאָרך, קיין קרעכץ,
עס לייגן זיך שאָטנס אין סטויגן.
דער שכן פֿונעם בעטל, רעכטס,
ער ליגט מיט אָפֿענע אויגן.

דער שומר — ווינט — ער זינגט און וואַכט,
נאָר כ׳קען זיין קול ניט דערהערן.
אויף הימל שלאָפֿט אַ מידע נאַכט
מיט אויסגעגאַנגענע שטערן.

ביי די שויבן פון שפּיטאָל

ביי די שויבן פון שפּיטאָל
די זון גרימירט זיך אין איר גסיסה־גרים.
פון ווייטן רונדיקט אַ קופּאָל —
אַן אויסגעהוילטער שאַרבן, —
דראַפּעט זיך דער טאָג אויף אים
און וויל ניט שטאַרבן — —

אויפן בעטל, רעכטס, —
מיט שווערן, שוואַכן אָטעם צו דערלאַנגען, —
אין לעצטן קרעכץ
אַ מענטש איז אויסגעגאַנגען — —

דער קאָפּ פון מת —
אַ קײַלעך,
ווי פון פּאָרצעלאַן.
דורך ווייסן לײַלעך
שפּיצן זיך די פיס פון בר־מנן,
ווי פון אַ שיפּעלע צוויי זעגלעך...

א פלעק א לענגלעך-גרויער טרויערט אומבאַוועגלעך — —
עס קריכט-אַראָפּ פון וואַנט,
און טוליעט זיך צום טויטנבעט,
א לעצטער שטראַל, —
אָט ציטערט ער,
אָט צאַפּלט ער,
אָט שטיפט ער — —

מיין שאָטן גלעט
די גליווערדיקע האַנט
פון נפטר — —

פון לינקס, —
אַן אבל-אָונטל א יינגם
גלאָצט אריין, דורך פענצטער, א פאַרבליפטער — — — —

א מידע שעה

האָט נאַכט זיך אויסגעדרייט צום דרויסן מיטן רוקן,
איך פּנים דורך מיין פענצטער פינצטערט שטומערהייט,
זי רייסט נישט אָפּ פון מיר ס׳עקשנות׳דיקע קוקן —
איך בליק — אַ רעטעניש, און כ׳ווייס נישט דעם באַטייט — — —

די שאָטנס אויף די ווענט, זיי ווילן מיך פאַרצערן — —
כ׳פּאַרטוליע זיך אין מיין שווער-אָטעמדיקע רו.
די נאַכט, זי שטאַרט מיט די מיליאָנען אויגן-שטערן
און מיינע אויגן אויף אַ רגע מאַך איך צו — —

איז רגע אייביקייט? — איז אייביקייט דער סוף? —
איך ווייס ניט, — ס׳ציען מיינע אברים צום שלאָף — —
וועט עמיצער, צומאָרגנס, וועקן מיך? — מסתמא — —

מיך דראָט דאָס פּנים פון דער נאַכט — די בייזע דאַמע
איןברייטן פאַלדן-קלייד פון הימל-שוואַרצן וואַל — —
די נאַכט פאַרשלעפּט מיך, שווייגנדיקערהייט, אָן קול — — —

כ׳האָב א גאנצע נאכט געחלומט פון לוויות

אַלע קראַנקע — ווייטיק־זינגער. אויף מיין ברעם איז
איינגעפלאָנטערט טרויער־אָפּקלאַנג פונעם כאָר — —
מיט די פּנימער, ווי ווייסע כריזאַנטעמעס,
קראַנקע פרויען שלייכן דורך דעם קאָרידאָר.

ס׳שטומפּע קרעכצן דאָ, דאָס זיפצן, אַזוי נייַ איז
און עס קלינגט ווי מוזיקאַלישער ליטורג — —
כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט געחלומט פון לוויות
און פון מענטשן אונטער מעסער פון כירורג — — —

און אינדרויסן לויפט דער ווינט אַן איינגעגנאַסטער
און ער ציטערט און ער כראַקעט און ער הוסט — —
אויף די שויבן ליגט די נאַכט — אַ שוואַרצער פּלאַסטער,
ווי אויף כריפּנדיקער, פרייכנדיקער ברוסט...

און מיין שכן ליגט און קרומט זיך אין העוויות,
ווייל עס אייטערט אים און ס׳מאַטערט אים דער שניט.
כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט געחלומט פון לוויות
און פון שלייכנדיקע, אבלדיקע טריט — — —

אין בלענד פון לעבן

דאָס גלחל

שטעלט ער זיך אַוועק, דאָס גלחל, —
דער שליח פונעם „שוויענטי דוך" —
אין צימער מיינעם פון שפּיטאָל, —
ווי ס'בילד, פון רוקן פונעם בוך
פון שלום אַש, דער אַפּאָסטאָל — —

שטעלט זיך מיר אַוועק דאָס גלחל
אַנטקעגן בעט
און פּרעפּלט,
פּרעפּלט
און ער רעדט
און תּפילה'ט עפּעס שטילערהייט — —
זיין שמייכלענדיקער שאַרפער בליק ער גליט,
דער פינגער זיינער שוין צו צלמען איז גרייט — — —

— הער־אויף, אַ גלחל, איך בין אַ ייד!...
און כ'רעכן ניט צו שטאַרבן, גלחל, אַ דאַנק...

איך האָב געלעבט ביז יעצט און וועל נאָך לעבן לאַנג
אין דורות ווייטע דורך דער אייביקייט — — —

בלייבט ס׳גלחל אַנטשווינן,
שטיל,
זיין בליק ווערט שאַרפער
און ווערט ווייט,
די אויגן זיינע רעדן אָבער מיטן צייכן-וואָרט
און קוקן-אָן-מיך
מיט אַ שטומען סוד:

— מיין גאָט!
דיין לענגלעך פּנים — —
און דיין באָרד — —
און דיינע אויגן — בלוי, —
זעסט טאַקע אוים אַזוי

ווי יענער ייִד
פון גליל — — —

דאָס גלחל ווערט פלוצים צוגעשמידט צום דיל,
קיין קער,
קיין ריר
ער שטייט אין ראַם פון טיר
פאַרהילט אין שוואַרצן קעפּע־טוך,
ווי ס׳בילד, פון רוקן פונעם בוך
פון שלום אַש, דער אַפּאָסטאָל
און שטאַרט — — —
— — — — — —

עס האָט דער אומעט זיך אַריינגעשאַרט
אין צימער פון שפּיטאָל.

פאַרבלענדונג

איך ליג ווי׳אַ געמעל אויפן ליילעך פון בעטל
און כ׳קאָן זיך נישט רירן — איך פּרעגל אין פּיין זיך.
אַ דאָקטאָר אין ווייסן ער שרייבט אויף אַ צעטל,
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — מיין ווייטיק שטילט-איין-זיך.

עס דראַפּען זיך שאָטנס אַרויף אויף די ברעמען
און הענגען ווי ליכטלעך וואָס צאַנקען און צאַפּלען — — —
איך טו מיינע וויעס ווי פּענצטער צענעמען
און ס׳שפּאַרן אַרויס מיינע גליאיקע אַפּלען.

די טירן, פון אומזין-נירוואַנאַ צעפּראַל איך
און כ׳ווער פון די צאַפּלענדע ליכט אַ פאַרבלענדטער — — —
פון קראַנק זיין ביז טויט — איז אַ נאָענטער מהלך,
פון קראַנק זיין ביז לעבן — דער וועג איז נאָך נענטער — — —

צוויי וועגן, אין בלענדונג, אין פלאָנטער, זיך מישן.
צעצונדענע רגעס פון ווייטקייטן שוועבן, —
מיין קאָפּ זינקט אַלץ טיפער אין ווייסקייט פון קישן,
מיינע הענט כאַפּן-אָן שטיקער בלענד פונעם לעבן.

ס׳קאָצל קומט

ס׳קאָצל קומט, ס׳קאָצל קומט, טאָג דו פאַרשנייטער! —
איך האָב ניט געזען דיך אַ זשמעניע מיט יאָרן —
אַ פערטל יאָרהונדערט, — איצט שטיי איך אַ גרייטער
צו מאַכן אַ חשבון הנפש אַ קלאָרן.

צו מאַכן אַ חשבון אין שעהען פאַטאַלע? —
ס׳איז איצטער מיר טייער דאָס רגעלע ס׳קלענסטע — —
מיין טאָג, — דו ביסט אפשר דער לעצטער פון אַלע, —
דו רייצסט זיך מיט מיר דורך שפּיטאָליקן פענצטער.

מיין אומרו, וואָס ברויזט אין מיר, גלעטסטו, פאַרשטילסטו...
איך שטיי ביי דעם ראַנד פון אָנסופיקע ענדן — —

דו העלסט מיר אָקעגן, מיין טאָג, אפשר ווילסטו
מיין גאַרלעצטן חלום מיט ווייסקייט פאַרבלענדן?

מיין גאַרלעצטער חלום ער הענגט אינדערלופטן,
ווי ס'הענגט איצט דער בלייערנער הימל דאָרט אויבן.
צי פרואווסטו מיך, גאָט, מיט מיין לעבן געפּרואווטן
און שאַצסט-אָפּ די ווערט פון מיין לעצט ביסל גלויבן?

מיין לעצט ביסל גלויבן האָב א י ך נישט פאַרלוירן, —
דער טאָג העלט אָקעגן און בלאַנקט אַ פאַרשייטער — —
ביסט אפשר דער טאָג פאַר מיין ווידערגעבוירן,
טאָ ס'קאָצל קומט, ס'קאָצל קומט, טאָג דו פאַרשנייטער!

איך גיי נאָך ניט שטאַרבן

דאָס ווייסקייט איז דאָ אַ געהאַפּטס, אַ געגאַרטס,
מיט בענקעניש רייסט זיך צו בלענדונג מיין קוק.
כ׳וואָלט איצטער געטוליעט מיין לייב צו דעם ברוק...
ס׳איז ווינטער, ס׳איז קאַלט און מיר פרילינגט אין האַרץ, —
ס׳איז סוף פון דעצעמבער, נאָר כ׳פיל, אַז ס׳איז מאַרץ,
עס ווינקט מיר דער שניי און כ׳פאַרשטיי אויפן וואונק,
אַז כ׳גיי נאָך ניט שטאַרבן, כ׳בין אַלץ נאָך צו יונג.

דער שימער פון שניי אַזאַ צייכן מיר ברענגט,
אַז צייכענען כ׳וועל נאָך אין שניי מיינע טריט,
כ׳וועל זעען דעם פרילינג, דעם זומער, דעם שניט
און זאָגן וועט גאָט: כ׳האָב דיר ס׳לעבן געשענקט!
און בליק מיינער וועט זיך פאַרחלומען: — כ׳בענק! —
און פליען וו׳א פלאַטערל, גליען אין שפּרונג — —
איך גיי נאָך ניט שטאַרבן, כ׳בין אַלץ נאָך צו יונג.

דער טאָג — אַ ווייס פערדל אין פֿלינקן גאַלאָפּ —
ער לויפֿט מיט מיר ווייט, איז פֿאַרשייט און איז קלוג.
פון אויבן די זון, איז אַ גאָלדענע קרוג,
לאָזט טריפֿן איר העלקייט אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ
און ס׳נעצט מיר דער זאַפט אויף מיין לייב, אויף מיין קאָפּ — — —
די ליכטיקע טראָפּנס פון זונוויין איך טרונק —
איך גיי נאָך ניט שטאַרבן, כ׳בין אַלץ נאָך צו יונג.

מיין טאָג, — כ׳וויל דיר קושן דעם בלענדיקן זוים
פון ליכטיקן קלייד דיינעם ס׳גאָלדן באַשטראַלטס — —
אויב כ׳פֿאַל אויפֿן שוים דיר, דאַן בין איך נאָך אַלץ
ביים קלאָרן פֿאַרשטאַנד ביי דעם ראַנד פונעם תהום.
פון ווייטערדיק לעבן, פון וועבן מיין טרוים
אין מיר, הייבט־אָן וועקן זיך, טליען דער פונק — —
איך גיי נאָך ניט שטאַרבן, כ׳בין אַלץ נאָך צו יונג.

אויף מיין האָריזאָנט איצט כסדר עס טאָגט —
נאָר מזרח און מזרח, קיין מערב נישטאָ — —
עס ציכטיקט און ליכטיקט פאַר מיר יעדע שעה,
מיין לשון, ווי פליגל אין פלאַטער, אין שלאָג —
איך פיל, אַז עס ברויזט און פון האַרצן זיך טראָגט
אַ וואָרט אַזאַ פרעכטיקס וואָס רייסט זיך פון צונג —
איך גיי נאָך ניט שטאַרבן, כ׳בין אַלץ נאָך צו יונג.

מיין רעיון — אַ וואַסערל קוואַליק און ריין — —
טאָ גיי איך צו טבילה אין אייגענעם קוואַל.
איך טויך אַריין טיף, ווי אַ זוניקער שטראַל,
וואָס ליכטיקט און גלעט יעדעס זעמדל און שטיין — —
עס קוועלט און עס קוואַלט אין מיין גאַנצן געביין — —
אין קוואַליקן וואַסער מיין לעבן איך טונק —
ווייל כ׳גיי נאָך ניט שטאַרבן, כ׳בין אַלץ נאָך צו יונג.

כ׳האָב נאָך נישט געזונגען מיין לעצטן געזאַנג — —
דו בליץ פון מיין חלום, איך הער ווי דו רעדסט: —
„אין פעלד וואַקסן אויך נישט די זאַנגען צום לעצט".
אין מיר רייפט דאָס לעבן אויפסניי, ווי דער זאַנג,
דער פלאַם פון מיין ליכט — ער דערכאַפט זיך אין צאַנק, —
עס רופט מיך מיין ווידערגעבורט, כ׳הער דעם קלונג — —
איך גיי נאָך ניט שטאַרבן, כ׳בין אַלץ נאָך צו יונג.

אין פורפורנעם בעט שלאָפט דער טאָג שטומערהייט — —
די נאַכט איז אַן אימהקע — סמאָלעדיק שוואַרץ.
מיך חלומט: אַ דאָקטער, מיט אַרבל פאַרשאַרצט,
אַ מעסער אַ שאַרפס אין זיין האַנט, ער איז גרייט
צו רייסן און שניידן פון מיר שטיקערהייט — —
צעשאַרפט ער מיין גוף און ער לאָזט גאַנץ מיין צונג, —
מיין וואָרט זאָל ניט אויסגיין, כ׳בין אַלץ נאָך צו יונג — —

דער טאָג ווערט געבוירן נאָך יעדן באַגין,
דער ווײ און די פרייד איז דעם העלן געבורטס.
פון אויפגאַנג ביז אויפגאַנג — מהלך איז קורץ — —
ס׳האָט קורצקייט פון זיין אַ ממשות, אַ זין.
אין לויף פון די טעג מיינע פיל איך: — איך בין! —
פון אויפגאַנג ביז אויפגאַנג — מעת לעתן אין שוואונג — — —
איך גיי נאָך ניט שטאַרבן, כ׳בין אַלץ נאָך צו יונג.

שלאָפגעטראַנק

אין צווייפל-טראַכט פון זיין,
דאָס לעבן קליינט, שרימפּט-איין —
אַ ברעקעלע, אַ קריש —
אויף אָפּעראַציע-טיש — —
ביים מויל און נאָז — אַ רער,
ס׳ווערט לויז און גרינג און לער
אין טיפן שלאָף-פאַרגעס —
אַנעסטעז — — —

די גאַנצע אייביקייט,
אין בלויז איין רגע צייט,
דערנענטערט זיך, געגענט,
בליצט-אויף, דורך נאַכט, אין בלענד — —
איך חלום ניט, — איך אָן, —
פון דאָ ביז דאָרט — אַ שפּאַן,
פון דאָרט ביז דאָ צוריק,
וואַרט ס׳גליק — — —

וואָס גלאָצסטו, שוועסטערל?

כ'בין אין שפּיטאָל, צי אין תּפיסה איצט געפאַנגען?
און מיינע פּיינען — קייטן — צו דעם בעט מיך בינדן.
די קרעכצן, זיפצן, זיינען טענער פון געזאַנגען,
וואָס האָבן ניט קיין סוף אויף ווייטיק־וועג דעם בלינדן.

אויף דרויסנזייט פון פענצטער זאַווערוכעס רייסן.
כ'וויל מיינע ווייטיקן פאַרגעסן, זיך פאַרשפּילן, —
דאָס שלאַנקע קראַנקנשיקסל, איינגעשטייפט אין ווייסן,
זי גלאָצט אויף מיר האַלבשמייכלענדיק דורך אירע ברילן...

דו זעסט די הענט? — זיי זענען דאָך געווען שטאַרקע!
כ'בין איצט אַ ביימעלע, וואָס בייגט זיך אין אַ ווינטל — —
זי שווייגט, זי הערט נישט וואָס איך זאָג, די סאַניטאַרקע —
זי שמייכלט שטייף און גיט נישט מיט קיין אויג קיין פינטל...

וואָס גלאָצסטו, שוועסטערל, מיט תּמעוואַטן שמייכל? —
עס עסט זיך איין דער ווייטיק אין מיין לייב אַלץ טיפער — —
יאָ, — צווישן מיר און דיר — נישטאָ קיין זין, קיין שׂכל, —
איך בין אַ בעט פונעם שפּיטאָל, איך בין אַ ציפער.

זאָל זיין צו געזונט

באַרמהאַרציק שיין שוועסטערל שלאַנקע, —
אוי, דיין פּנים איז רונד —
דיך גלעט מיט די אויגן דער קראַנקער —
אין ווייטיק אין טיפן — דער שטיפער
זעט דיין פּנים איז רונד — —
שטעך־איין מיט די נאָדל אים טיפער
און זאָל זיין צו געזונט!

ער קאָרטשעט זיך איין אין זיין ווייטיק,
ווי'א געפאַלענער הונט.
דיין גלאַט־אַזוי־שמייכל נישט נייטיק, —
באַרמהאַרציק־מעכאַנישע שוועסטער, —
פאַר געפאַלענעם הונט — —
שטעך טיפער די נאָדל, שטעך פעסטער,
און זאָל זיין צו געזונט!

וואָס שמייכלסטו, שוועסטערל, קאַלביש,
ווען עס ברענט אים די וואונד?...
עס שרעקט אים, — דיין ווייסלעכער מלבוש
דערמאָנט אים אין ווייסע תכריכים
און עס ברענט אים זיין וואונד.
מיט נאָדל אין דיקפלייש פאַרקריך אים
און זאָל זיין צו געזונט!

עס רעדט צו מיר מיין חלומס קול

און ווידער אויסגעמאַסטן מיינע צוואַנציק טרעפּ
עס האָבן מיינע טריט אין גאַנג צו מיר אַהיים.
מיין נייעם ווידערזיין אויף מיינע פּלייצעס כ׳שלעפּ,
ווי ס׳שלעפּט דער מויערער די ציגל און דאָס ליים.

כ׳האָב ווידער אָנגערירט די קליאַמקע פון מיין טיר
און באַלד האָב איך דערהערט אַ קול וואָס רופט: אַריין! —
כ׳האָב אויפגעעפנט, — עמיץ האָט מיין האַנט באַרירט
און ס׳האָט אַ שלאָג געטאָן מיר מיט אַזויפיל שיין — —

ער האָט מיך צוגעפירט צום בענקל און געזאָגט:
„דאָ איז דיין פּלאַץ, דערזעלביקער ווי פון אַמאָל".
איך האָב זיך איינגעהערט, — די שטים ווערט נאָנט און לאָקט — — —
באַנומען כ׳האָב, אַז ס׳רעדט צו מיר מיין חלומס קול — — —



די קראנקע נעגערטע

די נעגערטע זי וואַרט אויף דער ישועה,
עס באַלעמט זיך איר קאָפּ אַרויס פון ווייסן ריפּס — —
אַן אָפּגעבראָכן שטיק פון אַ סטאַטוע
זעט־אויס איר קראַנקער פּוס פּאַרשטייפּטער אינעם גיפּס — —

זי ליגט און שווייגט אין אַ געדולדיק וואַרטן,
איר שטומער בליק פון שוואַרצן פילקע־פּנים ברענט — —
זי רירט זיך ניט, — ווי פון אַ שטיין אַ האַרטן
געלעגן וואַלט דאָ אויפן בעט אַ מאָנומענט — — —

די אַלטע פרוי

די אַלטע פרוי —
דינינקע ווי שטרוי
ביי איר
די הענט —
זי קריכט אַרום אין פּאָדערזאַל
און שמייכלט שטיל צו יעדערן פּאַציענט,
צו יעדן גאַסט.

אַ רערל,
ווי אַ בראָש,
איז איינגעפּאַסט
ביי איר אין האַלדז.
זי שמייכלט איצט צו אַלעמען,
צו אַלץ,
די אַלטע פרוי דאָ אין שפּיטאָל — — —

דער בלייער אין די פינגער אירע —
איר לשון אָן אַ קול — — — —

לאַכט זי דורכן רערל פונעם האַלדז,
הוסט זי דורכן רערל פונעם האַלדז,
שפייט זי דורכן רערל פונעם האַלדז,
נאָר איר געוויין רינט־אויס דורך אירע בלויע אויגן...

דער ווינטער־טאָג
כראַקעט לייכעץ אויף די שויבן פון שפיטאָל,
און ס׳הוידעט זיך אויף ווענט אַרום
אַ נישט דערהערטער קול — —

ס׳איז שטיל און שטום,
ס׳איז שטום און גרוי,
ס׳איז שטיל און שטום און גרוי און לער — — —
— — — — — — — — — — — — —

עס שמייכלט אין איר שווייגנדיקער טרער
די אַלטע פרוי — —

עס באַמבלט זיך א קאָפּ

פון ראַנד פון אַ בעט אויף אַראָפּ
עס הענגט — פונעם האַלדז און געניק
און באַמבלט זיך, באַמבלט — אַ קאָפּ —
אַ שטיין אַ פאַרשנורטער אויף שטריק.

עס פלעמלט זיך שרעק אין זיין בליק —
זיך לעשנדער, צאַנקענדער קנויט...
זיין קראַנקנבעט — שווינדלענדע בריק
ביי שיידוועג פון לעבן און טויט...

אַ שלאָפלאָזע נאַכט

גוטע שוועסטער, די שאָטנס פאַרטרייב! —
ס׳איז דאָ שרעקעדיק, טונקל און פוסט.
יענעם חולה שטיל־איין און פאַרבלייב! —
ס׳פאַלט־אַרויף אַזוי שווער אויף מיין ברוסט
זיין פאַרזשאַווערטער ברומענדער הוסט,
ווי אויף פיצלעך אַ שטיין מען צערייבט...
און זיין האַרטן און גרילציקן כריפ
איך דערפיל אין מיין זיבעטער ריפ.

גוטע שוועסטער, ניט לאָז מיך אַליין, —
יעדער שאָטן אויף וואַנט איז אַ שד — —
ס׳איז מיין קישן צוקאָפּנס אַ שטיין,
לאַנג די שעהען אין נאַכטיקער שפּעט...
ס׳וויינט מיין שכן אין אַנדערן בעט, —
כ׳קען ניט הערן זיין ביטער געוויין, —
זיין געיאָמער אָן אויפהער, ס׳געכליפּ
מיר דערגייט אין דער זיבעטער ריפ.

גוטע שוועסטער, בלייב דאָ וואו דו ביסט...
וואָס באַוועגט אַזוי שווער זיך מיין האַנט?
פאַרוואָס ווייטיקן מיר מיינע פים?
אָט דאָס קרעכצן פון יענער זייט וואַנט
דרינגט-אַריין אין מיין בלוט, ווי אַ בראַנד,
מאַכט אין וואונד מיינער גרעסער דעם ריס — —
און וואָס סקריפּעט די טיר דאָרט? — דער סקריפּ
קריכט-אַריין אין מיין זיבעטער ריפּ.

גוטע שוועסטער, מיין שאָטן איז קרום, —
ער זעט-אויס ווי נישט איך, ווי נישט איך — —
קריכט און קריכט אויף דער וואַנט אַזוי שטום — —
שווער די נאַכט, כ'פיל איר שווערן געוויכט.
דורך דער שפּאַרע פון טיר — פאַסן ליכט,
ווי באַנדאַזשן, מיך וויקלען אַרום...
איך פאַרקוועטש און צעביים זיך מיין ליפּ, —
ס'טוט מיר ווייי אין מיין זיבעטער ריפּ.

מיין שכן

מיין שכן —
דער אַלטער קליינער יוגאָסלאַוו,
סטאַניסלאַוו באַגומאַל —
איז בראַוו,
איז מוטיק, —
ער האָט אַלץ געטאָן אַ וואָרף:
ס׳גרויע ווייב,
דאָס שטיק צעאַקערט פעלד
אין ווייטן אַמעריקאַנער דאָרף.
ס׳האָט אויך דער אַלטער באַגומאַל,
אַחוץ זיין גרויע ווייב,
געלאָזן דעם אַדרעס פון דעם שפּיטאָל
און איז אַוועק.

ס׳פאַרמאָגן נישט קיין שרעק
די אויגן פון דעם יוגאָסלאַוו,
עס קוקט פון זיי אַרויס נאָר בלויז אַ שוידער...
די פינגער זיינע

זוכן עפּעס
צווישן גאָרגלקנאָפּ און גוידער — —
און אויף די ווענט פון דעם שפּיטאָל
הייזעריקט זיין קול,
ווי לעצטע טענער פון אַן אָרגל.
און זיינע פינגער ציטערן אַרום
און זוכן עפּעס
אויפן גאָרגל — —

עס קרעכצט אין זיך אַריין דער אַלטער באָגומאָל —
מיין שכן, —
ער וואָלט איצט פון זיין הויט דער אייגענער אַרויסגעקראָכן.
זיין פּנים
פול מיט ווייטיק אַ צעקרומטער, —
שטומט ער
און הילט זיך איין מיט שווייגעניש, ווי מיט אַ פּאַנצער.
בלויז די פינגער זיינע
אויף זיין האַלדז

זיי לויפן פלינקע,
ווי אויף אַ שרייבמאַשינקע,
און קלאַפּן־אויס,
אות ביי אות,
דאָס האַלב־פאַרשטיקטע וואָרט:
קאַנסער
קאַנסער
קאַנסער — — —

און דער שפּיטאָל דער גאַנצער
ציטערט־אויף,
שוידערט־אויף,
און דער עכאָ, אין צעפּראַל,
דורכן לאַנגן וואַרטעזאַל,
ציטערט־מיט,
שוידערט־מיט,
גרוילִיקט־מיט
אין אַ הילכנדיקן רוף

מיט געשאַל.
שפּיזט די שרעק זיך —
אַ קינדזשאַל —
טיף אַריין
אין יעדן גוף — —
קעפּ און הענט פאַרבונדענע
פון אַלע ווינקלען
שטרעקן זיך,
פונעם שלאָף דעם פיינלעכן
עם זיפצן קראַנקע
און זיי וועקן זיך,
ס'קאָרטשען זיך די שאָטנס אין די ווינקלען
און זיי שרעקן זיך,
זיי שרעקן זיך,
ווערן איינגעשרומפּן
און זיי עקן זיך — — — — — — — — — — — — — —

מיין שכן —
דער אַלטער קליינער יוגאָסלאַוו —

איז בראַוו — —
קיין קרעכץ,
קיין זיפץ,
קיין קלאָג, —
זיין לעצטן אָטעם
האָט ער אויסגעהויכט פּאַרטאָג — — —
זאָגט דער דאָקטאָר צו דער קראַנקנשוועסטער האַרט:
„פאַרשרייב! —
סטאַניסלאַוו באַגומאָל
געשטאָרבן אין שפּיטאָל
אַזייגער צוויי מיט צען — —
די דאַטע, —
דעם און דעם" — —

און לעבן שטאַרן, קאַלטן לייב
פון מת —
אַ קאָנווערט מיט אַן אַדרעס —
אַ בריוו אַ נישט געעפנטער פון גרויען ווייב.

אינעם הויז פון די קאַליקעס

שטייען ביימער אין קעלט און זיי ציטערן,
וויקלען־איין־זיך אין שניי — ווייסע שאַליקעס.
אינדערמיט פון די ווייסע געוויטערן
שטייט דער פּאַלאַץ פון שוואַכע און קאַליקעס.

פונדערווייטנס עס מיניען און וויקלען זיך
בלויע היגלען, ווי רונדיקע וואַליקעס.
די מינוטן, נאָך טריט מיינע, שטיקלען זיך —
כ׳קום אַריין אינעם הויז פון די קאַליקעס.

איך שטיי אינעם זאַל און איך וואונדער זיך
פאַרוואָס אַזוי שטיל, אַזאַ רואיקייט? —

באַלד עפענען טירן באַזונדער זיך
און ס׳קומען אַריין מיט נישט דאַאיקייט

זקנים און זקנות וואָס ציטערן,
יונגע מענטשן, ווי שאָטנס צעצויגענע,
קוקן־אָן־מיך מיט בליק אַזאַ ביטערן
און זיי בענקען נאָך פרייד די פאַרפלויגענע.

און אַ פרוי קומט אַנטקעגן מיר, קוליענדיק,
און דער בליק אירער אומעטיק, גאַליק איז.
אַ יונג מיידל, אין טיכער זיך טוליענדיק, —
ס׳איז איר קאַלט אינעם הויז פון די קאַליקעס.

און אַן עלטערער ייד — אין די נײַנציקער —
ציקלט־אויס דאָ ניגונים פאַרגעסענע.
אַ פאַרדאַרטע, מיט אויג אירם דאָס איינציקע,
זיצט און טרויערט אַ מויד אַ פאַרגעסענע — —

און אַ ייד מיט אַ פליך — קוים באַוועגנדיק
מיט די פיס זיינע שוואַכע — ער וויצלט זיך...
ס׳קומט דער אָוונט דאָ אָן, שווער זיך לייגנדיק
אויפן טאָג, וואָס צעפּאַלט און צעפּיצלט זיך — —

עס ווערט טונקל, — די לאָמפּן — צעצונדענע, —
און אין דרויסן די נאַכט, וויים און שטראַליק איז.
אַלע גרוילן־געשטאַלטן — פאַרשוואונדענע — —
און ס׳פאַרשווינדט אויך דאָס הויז פון די קאַליקעס.

ס׳האָט גורל
טועה זיך געווען

לזכרון מיין פאַרשטאָרבענער שוועסטער
עלקע

זי האָט איר לעבן ליב געהאַט, ווי ליב עס האָט די ערד דעם גלעט
פון זונענגאָלד.
זי איז נאָך יונג געווען, נאָר ס׳האָט דער וויסטער גורל אירער שוין
אַזוי געוואָלט,

אַז אין די האָר שאָטינע פון איר קאָפּ זיך זאָלן וויקלען גרויע פּאָסן זייד
און ווי אַ זקנה זאָל זי זיצן אויף אַ וויגשטול און זיך וויגן
יונגערהייט — —

ס׳האָט גורל טועה זיך געווען, זי האָט מסתמא אים באַצאָלט אַ
פרעמדן חוב.
געקוקט דורך פענצטער אָפּענעם און שטענדיק האָט זי נאָר געזען
דעם זעלבן הויף,

די זעלבע קינדערלעך אין שפּיל, דעם זעלבן גרילציקן געשריי,
ווי מאָנאָטאָן — —
די זעלבע טירן, דאַך און פענצטער, קעגנאיבער און דער זעל-
ביקער באַלקאָן,

דאָס זעלבע טרויעריקע וואָיען פונעם ברוינעם הונט, וואָס ליגט
ביים וועכטערס שוועל — — —
ווען זייגער בלוטיקער — איר האַרץ — וואָלט נישט געלאָפן אַזוי
אימפּעטיק און שנעל,

וואָלט זי אַרוים אינמיטן שטאָט און זיך געהאַלדזט מיט יעדן מענטש,
וואָס גייט פאַרביי,
און איינגעזאַפּט אין זיך דאָס ליכט פון טאָג, צענומען אירע אָרעמס
אַזוי פריי — — —

און פריידיק זאָל צעשמייכלען זיך די זון אין הימל — אויפן בלוי-
לעכן געוואַנט.
דערנאָך וואָלט זי אַ כאַפּ טאָן אירע יונגע טעג און טאַנצן דאָ מיט
זיי באַנאַנד

און דרייען זיך און דרייען מיט דער גאַס, מיט מענטש, מיט זייגער-
האַרץ אין גיכן שווינד
און טראָגן כאָטש אַ רגע נאָר אין זיך דעם העלן טרוים — דעם חלום
פון אַ קינד — — —

אין טעג
פון
גלייבן

צום מענטש

ביסט שרעקער און טרייסטער,
ביסט מייסטער! —
און דאָך — דאָס באַשעפעניש ס׳מינדסטע.

פון הימל די שטערן,
ווי טרערן,
זיי פאַלן אין נאַכטישן פינצטער...

ביסט קלאָגער און בעטער,
שאַפסט געטער,
און בוקסט זיך צום מיאוסטן וואָרים.

פּאַלאַצן זיך הויבן
פון שטויבן,
און האָסט נישט קיין היים, דו ביסט אָרים.

טאָ וואו וועסטו וואוינען,
מקונן,
אַז ס׳רינגען דיך איין אַלע שרעקן?

און וואו וועסטו נאַכטן,
בעל-פחדן? —
מיט וואָס וועסטו ס׳לייב דיינס פאַרדעקן?

דער וועלטישער איבל —
דיין שטיבל — —
און קענסט נישט דיין דירה-וועלט מעסטן.

נישט נאַכטן, נישט טאָגן,
נאַר קלאָגן
דו מוזט מיטן יאָמער דעם גרעסטן

מיט זייד דיינע גלידער

מיט זייד דיינע ליכטיקע גלידער
פאַרדעקטע פון אויבן,
און דו ביסט אַ הייליקער סידור —
אַ סידור צו לויבן.

אויף וועג וואו דו גייסט אַזוי שטיל איז,
אַזוי שטיל איז צו טרעטן.
דו קוקסט מיט די אויגן — צוויי תפילות,
צוויי תפילות וואָס בעטן...

עס פאַלט אויף דיין שלוה אַ שאָטן,
אַ שאָטן אַ דינער.
די ליפּן — צוויי בלעטלעך — מיט אָטעם,
מיט אָטעם פון שכינה.

איך קען דיך שוין פון לאַנג

כ׳בין זיכער, אַז איך קען דיך שוין פון לאַנג, איצט ווייס איך נישט
פון וואַנען און פון ווען.
אויף מיינע זיגזאַגדיקע וועגן האָבן שוין געלאָזן צייכנס דיינע טריט.
כ׳בין זיכער, אַז איך קען דיך שוין פון לאַנג, איך האָב דיך ערגעץ
שוין אַמאָל געזען,
קען זיין, אַז אין דער קדמונדיקער צייט, ווען ס׳האָט אויף וועלט
דער ערשטער בוים געבליט.

ווי ס׳ליכט פון זון, אַזוי צעשטראַלן דיינע בליקן זיך מיט אומ־
ענדלעכן סוד,
און דיינע לייכטנדיקע אויגן וואַרפן אויף מיין וועזן וואַרימקייט
און שרעק, —

איך האָב געקוקט אין זייער טיף, געזוכט, ווי ס׳זוכט אַ מענטש —
אַ וואָגלענדיקער — גאָט.
נאָר ס׳האָט מיין בליק צעבראָכן זיך, פונקט ווי אַ שיף וואָס ווערט
צעשמעטערט אינעם ברעג.

איך קען דיך שוין פון לאַנג, פון שטענדיק־אָן ביסטו מיר נאָכגע־
גאַנגען אויף מיין וועג.
איצט ביסטו שטיין געבליבן, ווי אַ טייך וואָס ווערט פאַרפרוירן פון
דער ווינטער־קעלט.
עס האָט די בענקשאַפט, ווי אַ שלאַנג, אַרומגעוויקלט זיך אויף האַלדז
פון מיינע טעג
און ווי דער ערשטער בוים — דער איינזאַמער — בין איך געבליבן דאָ
אינמיטן וועלט.

אזוי האָסטו געזאָגט

האָסט געעפנט דיינע לעפצן און שטיל אַזוי געזאָגט:
מיין טאָג האָט קיינמאָל נישט געטאָגט,
מיין לעבן לאַנג —
אַ קלאַנג
פון אייביק נאַכט —
געלעגן איז פאַרמאַכט
אין שוואַרצער צעל;
מיין זעל
געפיבערט האָט,
געברענט,
דורך מיינע אויגן זיך געשטרעקט צום פירמאַמענט;
מיינע הענט —
צעשפּרייט ווי פליגלען צוויי —
האָבן זיך געצויגן צו דער זון,
ווי ס'רייסט זיך אַ געשריי,
ווי ס'רייסט זיך פון דער כוואַליענדיקער טיף
אַ זינקענדיקע שיף.
אזוי האָסטו געזאָגט — —

עס האָבן דיינע ווערטער אין מיין בלוט אַרומגעריזלט און געקלאָגט,
געוויינט,
געפאַלן אַזוי שווער.
דיין יעדע טרער —
געגליווערט,
ווי אַ פערל,
אין מיין הארצן טיף —
אין מיין רויטער נעסט.

מיין לעבן, זעסט? —
איז אויך אַ זינקענדיקע שיף,
איז אויך פאַרטונקלט און איז גרוי,
דער הימל מיינער, —
ער איז קיינמאָל נישט געווען בלוי,
מיין טאָג האָט קיינמאָל נישט געלויכטן העל.
אַזוי האָט שטיל גערעדט צו דיר מיין זעל — —

גאָטס האַנט

גאָטס האַנט האָט אין הייכן די זון אויפגעקלעפּט.
די זון אויפן הימל — דעם בלוילעכן שפּיגל.
דאָס האַרץ דיינס — פאַרהאַמערט אויף שלאָס און אויף ריגל.
אויף וועג צו דיין לעבן — צעפאַלענע טרעפּ.
גאָטס האַנט האָט אין הייכן די זון אויפגעקלעפּט,
אַ גאָלדענעם זיגל.

דערפרישנדער קוואַל איז דיין ברויזנדע פרייד.
און איך האָב פון קוואַל דיינעם טראָפּנס גענומען, —
איך האָב נישט געטרונקען, — באַנעצט נאָר מיין גומען...
די אויגן געטרערט האָבן שטילינקערהייט.
דערפרישנדער קוואַל איז דיין ברויזנדע פרייד —
אומענדלעכער ברונעם.

איך און דער ים

און נאַקעט איז דער ים און הויל,
לבנה גליט — אַ היים שטיק קויל,
די שטערן — גליענדיקע קנויטן —
דאָס ימיק לייב צעצינדן.

דער ים ווערט ווילד־צעברענט און פלאַמט
און שאַרט פון ברעג דאָס גרויע זאַמד
מיט זיינע וואַסערדיקע צויטן
איןווירבלדיקן שווינדן.

עס ברילט דער ים, ס'געשריי פאַרטויבט,
ער האָט דעם הימל צוגערויבט,

די נאַקעטקייט זיך צו פאַרהילן — —
דער ים טוט אויך זיך שעמען.

און ער וויל רוען, ער איז מיד,
שלאָפט־איין צוזאַמען מיט מיין ליד
און וויל אין חלום אינעם שטילן
מיין חלום אויך מיטנעמען.

דער ברעג איז לער, איך בלייב פאַרבליפט, —
אַוועק איז אויך די לעצטע שיף.
עס בלייבן — ים און איך — מיר ביידע
געפינען נישט קיין תיקון.

וואַכט-אויף דער ים אין כוואַליע-דראַנג,
און איך פאַרקראַמף אין זיך ס'געזאַנג
אינמיטן ווי פון חבלי לידה,
איך טו מיין ליד פאַרשטיקן.

איך שטיי און שטום און ריר זיך ניט,
ווי כ'וואָלט געווען אַ שטיק גראַניט —
אַ האַרטער פעלדז, וואָס טויכט פון טיפן,
פון בייזן ים געפאַנגען.

פאַרשטיקטערהייט — אָן קלאַנג, אָן וואָרט —
אָן איינזאַמער ביים פוסטן פאָרט —

כ'פאַרקריץ מיין ליד, ווי היראָגליפן,
אין ווייטע סוד־געזאַנגען.

דאָס ליד, וואָס ברענט אין מיין געביין,
און דיינע טראָפּנס ים־געוויין, —
זיי וועלן זיך צוזאַמענטריפן
אין אייביקע געזאַנגען.

כ'וועל שטיין ביי דיר דאָ, ים — דו סוד,
כ'וועל שטיין, ביז ס'וועט מיר זאָגן גאָט:
די לעצטע דיינע חלום־שיפן,
זיי זיינען אָפּגעגאַנגען.



און עס ווערט די ערד
פאַרפולט מיט גרויס עשירות

שטראַלן — שטייפע, ברענענדיקע זיילן-ווירעס
ווערטיקאַל — קופּאַל דעם בלויען אונטערשפּאַרן.
זונליכט — אויסגעבעט אויף פעלד און טראָטוארן —
טעפּיכער אויף דילן פון פּאַלאַצן-דירות.

שענערע מעלאָדיעס, ווי פון האַרפעס, לירעס,
טאָג שפּילט-אויף מיט מיניענדיקע ליכטער העלע — — —
יעדע רגע — שווינדט — אַ לויפנדע גאַזעלע,
יעדע שעה, פאַר ווייטע אייביקייט, אַ שיר איז.

אין אַ פילקאָלירנדיקן בלענד איין ציר איז
אויסגעפּוצט די ברייטע סאָליע-וועלט, אומענדלעך
שיטן זיך אַראָפּ פון הימלהייך די רענדלעך
און ס'ווערט די ערד פאַרפולט מיט גרויס עשירות — — —

זאַמלען זיך די מענטשן איין אין קופּעס, רייעס,
און זיי שעפּן גאַנצע גאַרשקעס זון-מטבעות — — —

מיין גאָרטן איז א חלומלאנד

מיין גאָרטן
מען קען אים נישט באַרירן מיט קיין האַנט —
מיין גאָרטן
איז אַ חלומלאַנד,
נאָר חלומלאַנד,
בלויז חלום-חלום-חלומלאַנד
מיט ליכט
מיט ציר,
וואָס רויטיקט זיך און בלויט —
אין אים געוועלטיקט נישט דער טויט — —

די טיר —
אַ בלאַט אַ בלויער פון אַ בלום,
דער פלויט
איז אויסגעוועבט
פון הימלדיק געוואַנט.

מיין חלום לעבט
אין וואָר
און שפּאַנט
אין גאָרטן מיינעם —
אינעם חלומלאַנד — —

אַן אויסגעטראַכטע כישופדיקע האַנט
איז שטענדיק גרייט
אָפּצופרישן
יעדע פלאַנץ
און קוסט
און צווייג
און קווייט — —
אַנשטאָט אַ רויז —
אַ טרוים
צעבליט אויף יעדן בוים.

נישטאָ קיין צוים,
קיין וואַנט — —
מיין גאָרטן איז אַ חלומלאַנד — —

אין פריען מאָרגנבלענד
טויכט־אויף אַ מאָנומענט —
ניט גיפּס,
ניט ליים,
ניט שטיין,
נאָר פלייש און ביין —
אַ פרוי,
אַ חוה־נאַקעטע און הויל,
אַ היים סטאַטוע־ווייב
מיט גלוסט,
מיט פלאַם אין אויג,
מיט תאווה־מויל — —
עס וואַשט דער טוי
איר פריש און ראָזלעך לייב.

זי שטייט אַזוי און שטייט
די נאַקעטע סטאַטוע־ווייב
ביז טאָג — שווער אָטעמדיק — זיך צינדט,
זיך רויטיקט ווי אַ בלום —
און איידער ער פאַרגייט
נעמט ער איר אַרום
און קושט
איר אַקסל,
האַלדז
און האַנט — —
מיין גאָרטן איז אַ חלומלאַנד — — —

פאַראַן
אינמיטן גאָרטן אַ פאָנטאַן,
מורמלט ער
פלאַפּלט ער
און קלאָגט
און זינגט

און אַנשטאָט וואַסער,
שפּריצט ער גאָר —
און אויף דער וואָר —
מיט ווײַן — —

ווען ס'נעמען זיך פאַרמעקן פון דער זון די פּאַסן שײַן,
גנבעט זיך אַרײַן
דער ווינט —
דער גלעטנדער קאַפּריז —
און טרינקט זיך אָן
און צערטלט שטיל די ווײַסע פּיס
פון חוהלע־סטאַטוע־פרוי . . .
און ס'נעמט אים שלעפערן אַזוי
פון שיכּרות
און פון גלוסט.
שלאָפט ער אײַן
אויף איר אַרויסגעשטייפּטער ברוסט
ביים זונפאַרגייענדיקן בראַנד — — —

מײַן גאָרטן איז אַ חלומלאַנד — —

אין וואַלד

פון ווייטע ביימער־דורכגענג און פון בלויע שפּאַלטן גליטשן זיך
די רגעס דורך ווי שטילע שאָף — — —
דער וואַלד ליגט אויסגעשפּרייט אין אייביק שבת, בוים מיט בוים
דערלאַנגען זיך די גרינע הענט — די צווייגן.
איך פאַל אַריין אין גלעטנדיקן קישן פון דעם טיפן תהום פון האַלב־
אין־וואַך און האַלב־אין־שלאָף — — —

איצט זע איך שוין פאַרוואָס ס'האָט גאָט געזאָגט — נאָך וואונדערלעך
באַשאַף פון הימל מיט דער ערד — כי טוב — — —
פון סוף ביז סוף, אויף וואַלד, עס פאַלט אַרויף אַזאַ מין ווייכע הילונג
פון אַ בלויען טול פון שווייגן,
און מיינע אויסגעחלומטע גן־עדן־שעהען, אויף די ביימער קלעטערן
אַרויף און שטייגן — — — —

די שפּיצןביימער ווערן קעפּ פאַנטאַסטישע און הענט צעעפנטע
און אָרעמס אויסגעשטרעקט.
די זון אין וואַלד ווערט שוואַך און מיד, אויף מיין געמיט האָט אויך
דער אָוונט זיך אַרויפגעדראַפּעט דרעמלען...
די בלויע וויאָלעטע פלעקן דורך די צווייגן, ווערן טונקל, טונקעלער,
און אָפּגעמעקט — — —

ס׳געוויין-געזאַנג פון אויסטערלישע וואָגלענדיקע פייגל נאַכטיקע
מאַכט אומעטיק, און שרעקט,
און ס׳וועקט זיך נאַכט און אָטעמט ווינטיק און מיט שטויב צעמישן
זיך די שאָטנס — שלאָפנדיקע קעמלען — — —
איך — אדם — בלייב נאָך איבער שבת אין גן־עדן, — אויפן הימל
פּרייטיקדיקע שטערן פלעמלען — — —

ביים טאַקט פון מאָדנעם ליד

עס קרויזלט זיך דאָס טאָגליכט אין רויט-בלוילעכער פריזור,
ס׳איז צייט פון זינגען, — זינגען אין מיר שטילע באָרן.
געטרייע מיינע אָוונט-שעה׳לעך — סקולפּטאָרן —
האַקט-אוים, קריצט-אוים פון יעדער זעאונג מיינער אַ סקולפּטור!

האַקט-אוים פון יעדער זעאונג מיינער, קריצט, געשטאַלטן
באַוועגעוודיקע, צאַפּלענדיקע, האַרטע און סאָליד.
פון לאַנג ביז אייביק-לאַנג עס ליגט אין מיר באַהאַלטן
אַזאַ מאָדנע ליד.

און הימל, ערד און יעדע זאַך ווערט אַנדערש ווי זי איז: —
מינוטן שפּילן-אוים עלעגיעס און פאַרגייען,

די רגעס שוויבלען, שווימען, שוועבן און זיך דרייען,
ווי טאַנצנדיקע, נאַקעטיקע, שלאַנקע פרויענפיס.

אויף הימל־אויג פּאַרציט דער אָוונט זיך — אַ בלאָנע.
עס ראָזלען זיך צוויי בערג — צוויי אויפגעשטייפטע פרויענבריסט.
מיט לייב צעהיצטן ליגט די נאַכט — די שוואַרצע נאָנע —
און ציטערט זיס.

אויף בעט פון ערד, אין בונטע קרויזן, אירע שוואַרצע האָר...
לבנה׳ס צנועה־אויג קוקט בייז אַראָפּ און זשמורעט.
ס׳האָט נאַכט זיך טיף אויף איר געלעגער איינגענורעט
און גליט,
און גליט
ביים טאַקט פון מאָדנעם ליד.

אָוונט־רייטער

צווישן בערג, אין טונקלבלוי,
שוועבט אַרום דאָס ליד פון פּיטן.
ס׳ווילט זיך חלומען אַזוי,
ווען דער אָוונט קומט צו רייטן.

קומט ער אויף אַ פּורפּור־פערד
איבער פעלדזנבערג מאַסיווע,
פון דעם הימל ביז צו דר׳ערד
פלאַטערט, שויבערט זיך, זיין גריווע.

יצחק בערלינער

געזאַנג פון מענטש

פאַרבן־ים איז אַזוי נאָנט,
טומ מיין בענקשאַפט דאָרטן גליען.
צו דעם ברעג פון האָריזאָנט
כוואַליעדיקע וואָלקנס ציען.

אַנקערט שטיל מיין חלום־שיף
פול מיט לאַשטשענדיקן טרויער...
שטיי דאָ, ווי אַ היראָגליף,
רייטער פורפורנער און בלויער!

רייטער וואַרט! פאַרצי דעם צוים! —
דריק נישט אין דעם פערד די שפּאָרן — —

טרוימעלעך, אויף יעדן בוים,
ווי די בליטן ערשט געבאָרן...

שטילקייט-פלאַטער, ווייכע רו.
אויף מיין ברעם — דער אָוונט-פיבער.
שטילער ווינט און איך און דו,
לאָמיר חלומען בציבור — —

צווישן טאָג און נאַכט זיך צינדט,
לייב פון הימל, רויט און בלענדיק — —
אָוונט-רייטער, ניט פאַרשווינד! —
כ'האָב מיין חלום נישט פאַרענדיקט.

אזויפיל גליק
אויף דיין באלקאָן

שוואַרץ די נאַכט און מאַנהאַטאַן — —
נאָר אַזויפיל שטראַלן ליכט
לייכט אַראָפּ פון דיין געזיכט.

שוואַרץ די נאַכט און מאַנהאַטאַן — —
הינטער דיר אַ שאָטן קריכט —
קוקסט אַראָפּ פון דיין באַלקאָן.

פלאַטערט נאַכט — אַ שוואַרצע פאָן —
פלאַטערט און דו פלאַטערסט מיט.
ערגעץ הילכן ווייטע טריט

הארט און שווער און מאַנאַטאַן — —
הערסט זיך איין, דיין פנים גליט,
קוקסט אַראָפּ פון דיין באַלקאָן.

פינצטער, נאַכט, — איר שוואַרצער צאָן
בייסט דיר אָפּ פון לייב אַ שטיק — —
ווייסט עס ניט, די נאַכט פאַרוויגט

דיין שטומע זעל אויף שטערן־טראָן.
עס קלאַפט דיין האַרץ. אַזויפיל גליק,
אַזויפיל גליק אויף דיין באַלקאָן.

ציטערן די שטערן

ציטערן די שטערן,
אַזוי ציטערסטו.
כ'וויל אַנטשלאָפן ווערן
אין דיין ווייכער רו.

ס'האָט אַנטפּלעקט דער הימל
שוואַרצע נאַקעטקייט.
דיינע אויגן — דרימל —
נאַכט אין זיי פאַרזייט.

און חלומות בליען
אין די אַפּלען צוויי —

וויל איך זיך באַמיען
חלומען אין זיי.

אין דיין בליק באַגערן
וואַנדלען ערגעצוואו.
כ׳וויל אַנטשלאָפן ווערן
אין דיין ווייכער רו.

כ׳רייס מיט אַלע קרעפטן
פון דער נאַכט דעם שטאָר,
וויל איך איצט באַהעפטן
חלום־רו מיט וואָר.

126

יצחק בערלינער

גענזאַנג פון מענטש

ביימער־שאָטנס ליגן —
פלאַנטערס הושך־גרויל,
זינגט דער ווינט אַ ניגון
דורך דעם צווייגן־קנויל.

לעצטער קלאַנג פון נאָטן
צאַפּלט אין מיין בלוט,
און דיין שלאַנקער שאָטן
נעבן מיינעם רוט — —

ווייסע טויבן

וואַרקען, וואַרקען טויבן ווייסע —
שעהען פונעם טאָג דעם העלן — —
ווינטל פלוידערט שטיל אַ מעשה
פון פלינקע רגעס, ווי גאַזעלן — — —

הימל אויסגעשטיקט מיט קרעלן,
נאַכט פאַרדעקט פון טאָג די שויבן — —
אויף ראַנדן פינצטערע פון שוועלן
שלאָפן־איין די ווייסע טויבן — — —

פֿון לעבן און אײביק

אַ פרוי פון נעכטן

אַ שלאַנקע פרוי איז פאַר מיין פענצטער איצט פאַרבייגעגאַנגען
מיט שוועבנדיקע לייכטע טריט, מיט שוואונג פון ווייסע שוואַנען,
און טיף אין האַרץ מיר, האָבן אָפגעקלונגען ווייטע קלאַנגען,
ווען ס'איז מיין בליק — אַ חלום — איר פון הינטן נאָכגעגאַנגען,
נאָך אויסגעטרוימטער העלדין פון צוועלף-טייליקע ראָמאַנען...

אַ פרוי, וואָס שוועבט פאַרביי מיט קאָפ געהויבן אַראָגאַנטיק,
וואָס טראָגט ניט קיין קאָסמעטיק אויף איר לעגגלעך פרישן פנים.
און איצט, ווען אין איין טאָג עס קרייצן מענטשן דעם אַטלאַנטיק,
ווי קומט אַ פרוי אַזאַ פון בלויע צייטן פון ראָמאַנטיק
אַ ווייטן חלום מיר, אַ לאַנג פאַרגאַנגענעם, דערמאָנען?

אַ פרוי, — און איך באַטראַכט איר שטילן גאַנג אַזוי פאַרוואונדערט,
און אירס אַ בליק, מיר דאַכט זיך, פון אַן אַלטן וויין דער שוים איז.
ווען ס'האָט די חלום-שטילקייט פון דער וועלט זיך אָפגעזונדערט
אין בלוטנדיקע צייטן פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
ווי קומט אַ פרוי אַזאַ דערוועקן אין מיין האַרץ חלומות?...

דו און דאָס גיפּסנמענטשעלע

ווי יונג דו ביסט, דו שלאַנק־פאַרהילטע נאַנע־ווייב,
אַ שוואַרצער שאַל פאַרוויקלט דיין געטאָקטן האַלדז.
עס גליט דיין בתולהדיק און הייס אלמנה־לייב.

ווי יונג דו ביסט, דו שלאַנק־פאַרהילטע נאַנע־ווייב,
ווי נישט צעשניטן ברויט אויף טיש ביים מעסטל זאַלץ — —
אויף צלם הענגט אַ גיפּסנמענטשעלע אַ קאַלטס.

דו קוקסט אויף אים מיט גרויס פאַרערונג און מיט שרעק,
דו קניסט און צלמסט זיך, דיין רונדיק פּנים בלאַסט...
ס'איז פול מיט שטרויכלעניש דיין לאַנגער נאַנע־וועג.

דו קוקסט אויף אים מיט גרויס פאַרערונג און מיט שרעק, —
דיין גוף, מיט זינד־פאַרלאַנג, ער שווערט דיר ווי אַ לאַסט — —
דו ביסט צום גיפּסנמענטשעלע אויף וואַנט פאַרקנסט...

די טעג, ווי שאָטנס פון די קלויסטער־ליכט אויף ווענט,
זיי וויגן מאָנאָטאָנע זיך אַהין, אַהער — —
די איינזאַם־נעכט — אין פייער דיינעם אויסגעברענט.

די טעג ווי שאָטנס פון די קלויסטער־ליכט אויף ווענט,
און יעדער חלב־טראָפן טראָפּט, ווי ס׳טראָפּט אַ טרער,
און שטילט נישט איין דיין תאווה־גלוסטונג און באַגער.

דיין טריט איז שאַרכנדיק און הייבט זיך לייכט, דו שוועבסט,
דיין לייב און קילער קירכן־אומעט — דיין פאַרמעג — —
פאַר דרויסנוועלט ביסט טויט, און אינעווייניק — לעבסט...

דיין טריט איז שאַרכנדיק און הייבט זיך לייכט, דו שוועבסט,
דיין בוזעם בערגלט זיך אין ריטמישן באַוועג —
דו אָטעמסט אוים פון זיך דעם סוד פון נעכט און טעג...

יצחק בערלינער

געזאַנג פון מענטש

פון אָקסל ביז די קנעכל פון די פיס פאַרהילט,
ס'קאַפּוזעלע פאַרדעקט דיין פּרויענרייץ פון קאָפּ.
גערעמט אין שוואַרצער ראַם איז דיין געזיכט אַ בילד.

פון אָקסל ביז די קנעכל פון די פיס פאַרהילט,
דיין גוף — אין פענט, און דיינע בלוטן — אין גאַלאָפּ — —
פון צלם ס'גיפסנמענטשעלע עס שטאַרט אַראָפּ...

און פאַר דעם גלחס אויגן מעקט זיך אָפּ דיין קלייד,
דו האָסט דערפילט זיין קוק, ס'געזיכט האָסט אָפּגעווענדט,
דו שמייכלסט, שמייכלסט ווי אין תפילה שטילערהייט — —

און פאַר דעם גלחס אויגן מעקט זיך אָפּ דיין קלייד,
דיין וועש ווערט אינו גראהדיק און טראַנספּאַרענט — —
דו פילסט זיין בליק ווי אַ באַריר פון הייסע הענט.

דיין צעל איז טונקל און איז שאָטנדיק געהיים,
דאָרט פּאָכעט־אום דער סוד פון פאַרכטיקייט און חטא,
עס גלאָצט אויף דיר אַנטאָניוס — ס׳געטשקעלע פון ליים.

דיין צעל איז טונקל און איז שאָטנדיק געהיים,
איז פול מיט הייסן אָטעם און מיט שטיל געבעט
און דורכגעגליט פון היץ־חלומות ווערט דיין בעט.

דיין בתולהדיק אַלמנה־לייב גליט־אויף אין לעכץ,
און ס׳מישט־זיך־אוים דיין גלוסטעניש מיט שרעק און שאַנד — — —
עס סטראַשען אויגן הייליקע פון לינקס און רעכטס — — —

דיין בתולהדיק אַלמנה־לייב גליט־אויף אין לעכץ,
ס׳בליט־אויף דיין תאווה, ווי אַ בלום אין מדבר־בראַנד,
און ס׳קוקט דאָס גיפּסנמענטשעלע אַ קאַלטס פון וואַנט — — — —

אַ טרויער־פאַרזאַמלונג
אויפן פרייען פעלד

די זון —
אַ פייערדיקע רייף.

אַ שטיקל זייף —
יידנזייף אַ קריש —
איז געליגן
אויפן שוואַרצבאַדעקטן טיש.
האָט דאָס שטיקל זייף געשוויגן — —
האָט דער עולם טרויעריק געשטאַרט,
אין זיך שטיל געקלאָגט,
אַ שווייגנדיקער קדיש האָט פון טיפעניש געשפאַרט.

די פייערדיקע רייף
פון מיטנטאָג

האָט האָפערדיק געגליט,
געפלאַמט,
נאָר ניט פאַר שאַנד
און ניט פאַר שרעק.
פון אויבן ביז אַראָפּ —
אַ גיכער וועג — —

אין שנעלן פייערדיקן לויף
איז זון —
די פייערדיקע רייף —
אַרויף
אויף שוואַרצבאַדעקטן טיש
אין שטראַליקן געמיש,
אין פינקלדיק געפליעסק — —
גראַטעסק — — — — — — — — — — — — — — —

טאָג קומט־אָן

טאָג קומט־אָן מיט ליכט און שאָטנס פולע לאָגלען, —
וויל ער — הערלט ער,
וויל ער ניט — פאַרשטעלט ער
מיט די שאָטנס מיר מיין וועג אינמיטן וואָגלען.

נאַכט, פאַר לעצטן גאַנג, כ׳בין ניט דיין בענטשער, אָבער
אויך קיין שעלטער.
וואָס איז פריע עלטער? —
פרעג אויף בוים דעם בלאַט פאַרגעלטן פון אָקטאָבער.

גוט איז ווייס צו זיין ווי שניי אין סוף דעצעמבער
ווען ס׳איז קעלטער,
און ווי אַ פאַרשטעלטער
זקן ברומט דער ווינטער מיט באַסאָוון טעמבער.

טאָג קומט־אָן מיט קוועליקן און ווייס געלעכטער, —
וויל ער — קוועלט ער,
וויל ער ניט — פאַרשטעלט ער
מיר דעם וועג, פונקט ווי אַ שטרענגער בייזער וועכטער.

די בלינדע אין טראַמוויי

ס'איז האַלבטאָג, דער טראַמוויי מיך שלעפּט
דורך שטאָטיש־באַליכטיקטע גאַסן.
די זון, ווי מיט פעדים, זי שטעפּט
מיט שטראַלן, צעבלענדיקטע פאַסן.

אַ פלאַקער די שויבן צעצינדט,
מיט העלקייט פון טאָג איך באַרויש זיך.
אַ פרוי — לעבן מיר — זי איז בלינד,
זיך טיפט אין איר אייביקן חושך.

פון הימל עס רעגנט מיט ליכט,
עס לייגן זיך פלאַמיקע סטויגן.

די אייביקע נאַכט — אַ געוויכט —
זי הענגט אויף צוויי פינצטערע אויגן.

דער הימל דער בלויער, ער ליגט —
אַ דאַך איבער שטאָט, אַזוי ברייטלעך.
אַ שטראַל פון דער זון זיך צעוויגט
אויף סטאַרטשענדע גרויע צוויי הייטלעך...

ס׳איז לעבן, צי אייביקער טויט? —
די בלינדע איז וואַך, צי זי דרעמלט? — —
די זון, ווי אַ לאָמפּ אָן אַ קנויט,
זיך באָמבלט אינמיטן דעם הימל — — —

קאָנדוקטאָר! — דו יאָגסט אינעם פלאַם,
עס וואָרנט פון רעדער דער ריטעם — —
דו קאָנסט נאָך אַריין מיטן טראַם —
אין האַרץ פונעם פייער — פאַרהיט אים! —

ניט לאָז אָפּ די קאָרבע פון האַנט — —
סוף טאָג! — ס'איז גאָר נאַכט און טייוואָלים
דעם טראַמוויי, אָן פינצטערער וואַנט,
צעקרישלען אויף ברעקעלעך חלום...

בין השמשות

פאַרבלוטיקט דער מערב. דער טאָג זשיפּעט קוים, —
זיין ליכט — איינגעשרומפּט און פאַרטונקלט זיין פלאַם.
טאָ זאָל טאָג פאַרגיין, ווי ס׳פאַרגייט ווייסער שוים
ווען רוקן פון שיף שניידט אין פאַלדן דעם ים.

ווי דיאַגנעס מיט א לאמטערל

מיט צעדראַפּעטע ווענט שטייען אַלטע געביידעס
מיט פּרוכניקע טירן, צעקרישלטע שוועלן.
פון אונטן — מיזעריע — אָן אייביקער עדות,
פון אויבן — די שטערן — צעשאַטענע קרעלן.

די זונשטראַלן צייכענען קרומע זיגזאַגן.
אין ציטער פון ווינט זיך באַוועגן און שוועבן
די העמדער אויף שטריק, ווי צעריסענע פלאַגן
נאָך שלאַכטן פאַרשפּילטע אין קאַמף פאַרן לעבן.

אויף הימל, צי אונטן? וואו שטעקט דאָ גאָטס וואונדער?
דאָרט ווייט אינדערהייך, אָדער דאָ וואו מיר גנאָיען? —
עס גע'לבלט פון אויבן דער זונפלעק אַ רונדער —
אַ מעשענער קנאָפּ אויף אַ מאַנטל אַ גרויען.

זי לייכט נישט די זון, — צו וואָס דאַרף זי דען לייכטן,
אַז טרער פונעם מענטש איז אַ ליכטיקע פּערל? —
אַרוים כ׳וועל, און זוכן דעם יש נישט דערגרייכטן,
בייטאָג, פונקט ווי דיאַגענעס מיט אַ לאַמטערל.

אז עס בליט שוין דער גאָרטן

אַז עס בליט שוין דער גאָרטן,
איז וואָס?
אַז עס גרינט שוין דאָס גראָז
און ס׳רויטיקט די רויז? —
איז אשרי האיש — —

וואָס האָט עס צום אָרימען הויז
מיטן ליידיקן טיש?

אַז עס בליט שוין דער גאָרטן,
איז וואָס?
אַז עס גרינט שוין דאָס גראָז
און די ליכטיקע זון

אומעטום
איר פייער פאַרשווענדט ? —

אין קעלער איז אומעט אַ בלום,
וואָס שאָטנט אַרום אויף די ווענט.
אינדרויסן
דער הימל ער בלויט,
אין אָרימער שטוב קריכט דאָס לעבן אַ קאַלטס — — —
— — — — — — — — — — — — —

עס בענקט נאָכן ברויט
דאָס איינזאַמע מעסטל מיט זאַלץ.

געגנבעטע מינוטן

יובל נישט מיין האַרץ! עס איז דער יום טוב נישט געווען קיין פולער —
ס׳האָט דער גרויער אינדערוואָכן שוין צו־לאַנג, צו־לאַנג, געדויערט.
אין די אָדערן געפאַנגען האָט געריזלט די גאולה
און נאָך אויסלייזונג זי האָט געריסן זיך, געבענקט, געלויערט,
ווי נאָך טיפן רים פון אָקער ס׳בענקט די בתולהדיקע רויערד.

ס׳האָט אַ ליכטיק־העלער חלום אינעם האַרץ ביי מיר געדרעמלט,
ציטערן געמאַכט די שטראָמען הייסע לויפנדיקע בלוטן — —
אַלע שעה׳ען זענען פול מיט אומעט, נאָר איין שעה זי פלעמלט
און זי לאָקט מיך, ווי אַ ווייטע עפענונג דורך חושך־גרוטן, —
צי איך צו דעם פייערל און גנבע פונקען — די מינוטן.

אַ שאָטן פון דיר

איך וויל איך נישט נעמען צוריק,
פאַרגאַנגענע יאָרן פון פּיין.
אַ גאָלדענער פונק וויל איך זיין
פון דיר אויסגעחלומטער גליק, —

איך וואָלט דיר פאַרוואָרפן אַ שטריק
פון זוניקע פעדים געוועבט,
וו'אַ טשאַררע פאַרוואַרפט אינעם סטעפּ
אַ לאַסאָ אויף האַלדז פונעם ביק.

געזען כ'האָב אַ שאָטן פון דיר
אין חלום אַמאָל אין אַ נאַכט.
פון דעמלט האָט זוניקע טיר
מיט האַסטיקן קלאַפּ זיך פאַרמאַכט — — —

און אָוונט, אויף מיינע פיר ווענט,
האָט געמאָלן צעצויגענע הענט.

ס׳איז באַנג

ס׳איז באַנג,
אוי ווי באַנג,
נאָר ס׳קען נישט כאַפּן מיין געדאַנק
נאָך וואָס.
צי נאָך באַגינענדיק געזאַנג
פון גראָז,
נאָך גרין
פון פעלד,
פון וואַלד
וואָס רוט,
צי נאָך וועלט
אין פריערדיק געשטאַלט, —
אָן שמינק
פון בלוט,
אָן שוואַרצער שטילקייט פון דער ערד —
דעם פאַנטעאָן.

אַוודאי איז מיר באַנג,
טאָ וואָס זשע זאָל איך טאָן? —
דאָס בענקעניש, עס הייבט זיך אָקאָרשט אָן.

לעבן, ברויז!

לעבן —
ברויז! —
דו ביסט דאָך בלויז
אַ צאַפּלענדיק געפיל,
אַ דורכבליץ פון אַ זונענשפּיל,
וואָס שנעל זיך טראָגט.

טאָ טראָג אונדז, טראָג
פאַרביי
די וועלט
אָן ציל
און יאָג
אַוועק
די קעלט,
די פּויזנדיקע שרעק,
דעם וויי
און וואָן.
עס ליגט

א קאַלטער שניי
ביי יעדן שפּאַן
אויף אונדזער לאַנגן וועג.
לעבן —

טראָג אונדז, טראָג
אין אומבאַקאַנטער ווייט
און מעסט ניט וועג און צייט
אין ברויזענדן געיעג
און זינג
און ברום
און וויקל אונדז אַרום
מיט זונענרינג
און היל אונדז איין
מיט שיין.

וואַרף
אויף באַרג,
אין טאָל

מיט ליכט.
זאָל
אויף יעדערנס געזיכט
זיך שפּרייטן העל
אַ לייכטנדיקע פרייד.
אין יעדער זעל
זאָל שפּרינגענדיקערהייט
צעשאַלן
ס׳ליד פון גליק, —
זאָל עס ווערן דערהערט
ווי אַ זילבערקלאַנגענדיקער גלאָק
אַנטקעגן טאָג,
איבער דער גאַנצער ערד
און איבער דעם דאַך פון מיין הויז.

לעבן —
ברויז ! — — —

אידזע

כ׳באַריר די גאַנצע ערד — איר גרינעם קוואַלנדיקן שוים.
דער ווינט ער צערטלט מיך מיט זיינע הוזשענדיקע הענט.
כ׳קוועל-אויף — אַ פייערקנויל, פון אַש אַרוים, צעברענט — — —
און ס׳דרייען זיך די פלאַמענרינגען אין געברויז.

די גאָרע וועלט — מיין הויז
אָן שלאָס,
אָן לאָדנס,
אָן פרענט — — — —

זוניקער גאַרדין

עס גייט ניט אונטער! —
גאָר פאַרקערט, —
ס׳גייט ווידער אויף
אויף אונדזער ערד
דאָס מאָרגנליכט
ביים שטילן אויפהעל פון באַגין.

מעג זיין מיין שטוב פאַרשפּאַרט מיט שלאָס און פּרענט, —
דורך מיינע לאָדנס
שפּאַרט זיך דורך,
לאַנג און דין,
אַ זוניקער גאַרדין, —
איך הענג אים אָן אויף מיינע ווענט.

היטער פונעם שייער

ווייַ און ווינט און ווייַ און ביטער
וואָלט געווען צו זייַן דער היטער,
און דער לעצטער אויפבאוואַרער,
פון אַ טרוקן פעלד אָן זאַנגען,
אָן געזאַנגען
פון פאַרזייער און פון שניטער.

איך — דער דורותדיקער גייער —
בין שוין איבער וועלט דער גאַרער
וויטיקייטן אָפּגעגאַנגען,
אָפּגעבלאָנקעט.

דאָך גרינע זענען מיינע לאַנקעס,
פולע — מיינע גיטער.
זינג איך מיר דאָס ליד פון זייער,
זינג מיט זאַנג ס׳געזאַנג פון שניטער
ביי דעם אָנהייב פון קאיאָר
אוןביים פייער
אונטער זון צעגליטער.

מיין דור —
דער היטער
פונעם שייער.

ביכער פון דעם זעלביקן מחבר

לידער

(איז בוך "דריי וועגן") מעקסיקע, יאָר 1927

שטאָט פון פאַלאַצן

לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג "דער וועג", מעקסיקע, יאָר 1936

עד מתי

לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג "ארום דער וועלט", מעקסיקע, יאָר 1941

שטיל זאָל זיין

לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג "צבי קעסעל", מעקסיקע, יאָר 1948